STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07689

FRIDRIKH NITSHE UN ZAYN FILOSOFISHER ANTVIKLUNGS-GANG

Chaim Zhitlowsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



דר. ח. זשיטלאָװסקי

פרידריך ניטשע

און זיין

פילאָסאָפישער אַנטװיקלונגס־גאַנג

פערלאג „אידיש“, ניו יארק
תר״פ—1920

Copyright 1920

by

JEWISH BOOK AGENCY, INC.

1.

דער שאָפּענהאַוער־וואַגנער־קולט.

פרידריך ווילהעלם ניטשע, — דער פּאָפּולערסטער דיכטערי־שער דענקער פון דער לעצטער צייט, — איז געבוירען געוואָרען אין א קליינעם דייטשען שטעדטעל, אין דעם יאָהר 1844.

פון דעם פאָטערס צד שטאַמט ער אָפּ פון דעם פּוילישען פּריצ׳ישען שטאַנד. זיינער אַן עלטער־זיידע, מיט דעם נאָמען נ י ע ט צ ק י, האָט געמוזט פאַרלאָזען דאָס פאָטערלאַנד, פּוילען, ווייל ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם קאַטוילישען גלויבען און איז צוגעשטאַנען צו דעם פּראָטעסטאַנטיזם. אין דעם פּראָטעס־טאַנטישען דייטשלאַנד האָט ער געפונען רוה פון זיינע פאַנאַטישע פאַרפאָלגער.

זיינע קינדער האָבען זיך שנעל אַסימילירט מיט דעם דייטשען בירגער־שטאַנד און דער דייטשער קולטור און זיך איינגאַנצען צו־נויפגעגאָסען מיט זיי. אָבער די טראַדיציעס וועגען דעם אַלטען פּוילישען אַריסטאָקראַט, וואָס האָט געקעמפט און געליטען פאַר זיינע איבערצייגונגען, האָבען געלעבט אין דער גייסטיגער אַטמאָס־פערע פון זייערע היימען, און האָבען געשפּילט נישט קיין קליינע ראָליע אין די פאַנטאַזיעס פון דעם יונגען ניטשע.

ער איז געוועזן שטאָלץ אויף זיין אַפּשטאַמונג פון אַ מאַן וואָס האָט העלדיש געקעמפט פאַר זיין אמת, און פון אַ פאַמיליע, וואָס האָט הייליג געהאַלטען די ליעבע צו אמת. „די ניטשעס ליינען נישט,“ איז געוועזן אַן אָפט ציטירטעס ווערטעל אין זיין היים, — אַזוי צו זאָגען אַ פאַמיליען־דעוויז.

ער איז אויך געווען שטאלץ מיט דעם, וואס אין זיינע אדערן פליסט א שטראם פון פויליש־אריסטאקראטישען בלוט. ער האט זיך געגרויסט מיט יענער פוילישער שליאכטא, וואס האט נישט געבויגען איהר קאפ פאר דעם קעניג, האט נישט דערלאזען. פוילען זאל פארוואנדעלט ווערען אין א דעספאטישער מדינה, און האט געהאלטען אזוי הויך די פאהן פון דעם פרייען איינ־צעלנען פויל. דאס רעכט פון דעם שליאכטשיץ אויף זיין „ניע פאזוואליאם“ („איך בין נישט מסכים“), מיט וועלכען יעדער איינער האט געקאנט אפשטעלען די באשלוסען פון דער גרעסטער מאיאריטעט און דורכזעצען דעם אייגענעם אינדיווידועלען ווילען, האט שטארק אימפאנירט דעם יונגענמאן, וואס האט וועניג גע־טראכט וועגען יענער סאציאלער און רעכטליכער שקלאווערייי פון די פוילישע פאלקס־מאסען, אויף וועלכער עס איז געווען אויפגע־בויט דער אריסטאקראטישער פאן־ארכיזם פון דער פרייער פוי־לישער שליאכטא.

דער גרונד־שטריך פון אריסטאקראטישען אנארכיזם, וועלכען מיר באמערקען אין ניטשע'ס שפעטערער, אויסגעצייטיגטער וועלט־אנשויאונג, איז גאנץ זיכער אויסגעוואקסען אין איהם, אויב נישט פון זיין פוילישען בלוט, איז פון יענע פוילישע טראדיציעס, מיט וועלכע זיין יונגער גייסט האט זיך באשעפטיגט. אין ניטשע'ס שפעטערדיגען אידעאל פון דעם „איבער־מענשען“, וועלכען ער האט אזוי באגייסטערט געפרעדיגט אין דעם לעצטען פעריאד פון זיין שאפען, איז שווער נישט צו באמערקען אייניגע שטריכען פון דעם פוילישען „פאן“: די „ריטערליכקייט“, שטארקע ליידענ־שאפטליכקייט, געשטייגערטער קוראזש, און די אויסערגעוועהנליכע באטאנונג פון דער אייגענער פערזענליכקייט, איהר פראטעסט, זיך אונטערצואווארפען אונטער א וועלכער עס איז פרעמדער אויטא־ריטעט.

פון דער מוטערס זייט איז ניטשע א דייטש. פון דעם ר א־ס ע ן ־ ש ט א נ ד פ ו נ ק ט, — דעם שטאנד־פונקט פון „בלוט“

פרידריך ניטשע

און פאַראַרבליכקייט, וועלכע ניטשע האָט שפּעטער געהאַלטען אַזוי הויך, — מוז מען זאָגען, אַז זיין בלוט איז אַ דייטש—בלוט. אין וועלכען די פּאָר טראָפּענס פּויליש בלוט האָבען געקאָנט בטול ווערען בשישים, אָבער זענען פּאָרט נישט בטול געוואָרען, נאָר אדרבה האָבען געווירקט, ווי אַן אויפבּרויזענדער פערמענט.

עכט „דייטש" איז אין ניטשע זיין ערנסטקייט, די לוסט צו פאַרטיפען זיך אין די אבסטראַקטעסטע פּראָבלעמען פון דעם פי־לאָסאָפישען געדאַנק, די מערקווירדיגע גייסטיגע אַרבייטס־פעהיג־קייט און דער דייטשער פּ ל י כ ט ־ ג ע פ י ה ל, — אַ פליכט־געפיהל, וועלכען ער, דער שטורעמער אַנטגעגען יעדער מ אָ ר אַ ל, האָט סוף־כל־סוף פּראָקלאָמירט אויף אַ נייעם, ריין־אינדיווידואַ־ליסטישען יסוד.

עס איז נאָך געוויס זעהר ריזיקאַליש צו דערקלערען איינעמס כאַראַקטער און גייסטיגע אַנטוויקלונג דורך דאָס שפּיעל פון פאַר־אַרבליכקייט, דורך דעם געמיש פון „בלוט", פון ראַסען־אייגענ־שאַפטען, אַריבערגענומען פון עלטערען און אור־עלטערען. אָבער גראַד ביי ניטשע'ן האָבען מיר אַ פאַל, וואו אַזאַ דערקלערונג דרינגט זיך איינעם אַרויף.

שוין אין זיין קינדהייט באַמערקען זיך כאַראַקטערשטריכען. וואָס טראָגען אויף זיך אַ קלאָרען פּוילישען אָדער אַ קלאָרען דייט־טשען שטעמפּעל. דאָס ליידענשאַפטליכע, אויפבּרויזענדע, לע־בענס־לוסטיגע און פאַר'עקשנ'ט־אינדיווידואַליסטישע פון איין זייט און — דער היפך דערפון — די טרייקייט צו די אויף זיך גענומענע פליכטען פון דער אַנדערער.

אין דער גרויסער ניטשע־ביאָגראַפיע, געשריבען פון זיין שוועסטער, ווערט מיטגעטיילט אַזאַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד פון זיינע ערשטע שול־יאָהרען.

אויף דעם וועג אַהיים פון דער שול, פּלאַצט אַרויס אַ שלאַקס־רעגען. אַלע קינדערלעך לאָזען זיך אין אַ געלאָף אַהיים. אָבער נישט דער קליינער ניטשע. רוהיג און געלאַסען געהט ער זיך זיין

פרידריך ניטשע

וועג, מיט אפגעמאסטענע טריט, פונקט ווי דאס **איז געווען פארגעשריבען אין דעם רעגלאמענט פון זיין שול**, אין דער באשטימונג, „ווי אזוי מען דארף געהן אהיים.“

עס ווייזט אויס, אז שוין אין דער גאר־פריהער יוגענט האט ער אנטדעקט דעם תענוג צו באווייזען די מאכט פון דעם אייגענעם ווילען איבער זיך אליין, — די מאכט פון דעם **העלד**, וואס שרעקט זיך ניט פאר קיינע יסורים. אין דעם קאנוויקט, וואו ער האט פארבראכט זיינע גימנאזיאל־יאהרען, האבען זיינע חברים זיך אמאל פאנאנדערגערעדט וועגען דעם אלט־רוימישען העלד, מוציאוס סצעוואלא, וואס האט אין דעם פיינדליכען לאגער ארויפגעלעגט רוהיג זיין האנט אויף א פאן ברענענדיגע קוילען, כדי צו באווייזען דעם שונא, וואס אזוינס די רוימער זענען. אנטגעגען וועמען ער פיהרט דעם קריג. ניטשע ווערט פון אט דער העלדישקייט נישט נתפעל. ער נעמט שוועבעלער, ברעכט אפ עטליכע קעפלער און צינדט זיי אן אויף דער פלאך פון זיין האנט. עס האט געדויערט א צייט, ביז די וואונד איז פארהיילט געווארען.

דאס גאנצע וויסענשאפטליכע און ליטערארישע שאפען ניטשע'ס, — און זיין שאפען איז געווען זיין לעבען, — שטעלט אונז פאר א בילד פון אן אויפגעשטורעמטען ים, אין וועלכען עס ראנגלען זיך, — אפטמאל מיט א מאוים'דיגער קראפט, — די פארשיידענסטע און זיך ווידערשפרעכענדסטע עלעמענטען. אבער די אלע, אין זיך קעמפענדע עלעמענטען גרופירען זיך ארום דעם גרונד־אנטאגאניזם, וואס האט געהערשט סיי אין ניטשע'ס נשמה, סיי אין זיין שאפען: דעם אנטאגאניזם פון דעם ניט איינצוצוימענדען אינדיווידואליזם, זיין זעלבסט־ווילען און זיין ניט איינצושטילענדע דארשט צו א רייכען אריבערשוימענדען לעבען, זיין ניט איינצוהאלטענדע **לעבענס־לוסט** פון איין זייט, און דעם פליכט־געפיהל און פליכט־געדאנק, וואס דארף דעם „איך“ האלטען אין צוים, פון דער אנדערער.

פרידריך ניטשע

אויב מען זאָל פון אַ ראַסען־פּסיכאָלאָגישען שטאַנדפּונקט זוכען אַן איינפאַכע פאָרמולע, וואָס זאָל אַרומנעמען און אויסדריקען דעם תוך פון ניטשע׳ס לעבען און שאַפען, וואָלטען מיר פאָרגעשלאָגען צו באַטראַכטען ניטשע׳ן, ווי אַ קינד, וואָס איז געבוירען געוואָרען פון אַ מערקווירדיגען שדוך צווישען קאַנט׳ס „קאַטעגאָרישען אימפּעראַטיוו“ און דער פּוילישער „מאַזורקאַ“.

אַט דער טראַגישער אַנטאַגאַניזם פון ברויזענדער לעבענסלוסט און דער שאַרף־אַנגעצויגענער צוים, — צווישען דער „מאַזורקאַ“ און דעם מאָראַלישען פליכט־געפיהל, און דאָס שטרעבען אויסצואייגען זיי אין איין האַרמאָנישער וועלט־אַנשויאונג, טרעטען אָבער ערשט אַרויס אין זייער גאַנצער קלאָרקייט ערשט ביי דעם דערוואַקסענעם, אויסגעצייטיגטען, זעלבסט־שטענדיגען שריפטשטעלער. זיינע יונגע יאָהרען טראָגען גראָד אַ מעהר א י ד י ל י ש ע ן, איידער טראַגישען כאַראַקטער.

אין דער אמת׳ען איז זעלטען אַנצוטרעפען אַזאַ שעהנע, געשיצטע, גייסטיג רייכע און אין עצם רוהיגע קינדהייט און יוגענט, ווי די, וואָס איז אויסגעפאַלען אויף ניטשע׳ס גורל.

נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס איבער דער פאַמיליען־אַטמאָספערע פון די ניטשעס האָט אַלץ נאָך, האַלב פאַרבלאַסט, אַרומגעשוועבט דער גייסט פון דעם אַלטען נ י ע צ ק י, — דעם קעמפער אַנטגעגען זיין פּוילישער סביבה, דעם זוכער פון נייע רעליגיעזע אמת׳ען, — האָט זי, — די פאַמיליע, מיין איך, — גראָד געהערט צו די לאָיאַלסטע און קאָנסערוואַטיווסטע פאַמיליעס פון דעם דייטשען בירגערטום.

צווישען די ניטשעס זענען געווען אסך פרומע פאַסטאָרען. אויך זיין פריה פאַרשטאָרבענער פאָטער איז געווען אַ פאַסטאָר, אַ פרומער רעליגיעזער אידעאַליסט, אַ סענטימענטאַל־איבערגעבענער צו דעם הערשענדען קעניגליכען הויז. זיין פאַסטאָרען־שטעלע האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען דער פערזענליכער פּראָטעקציע פון דעם

פרידריך ניטשע

קעניג פרידריך ווילהעלם, נאך וועמען ער האט א נאמען געגעבען זיין בכור, אונזער ניטשע'ן.

די וואס זענען פון דער רוסישער ליטעראטור באקאנט מיט דעם ווילדען לעבען פון דעם רוסישען פאפענטום, מיט זיין קולטור־רעלען חושך, מיט זיינע האלב־טירישע זיטען, אומגעלומפערטע אבערגלויבענס און פאבעלהאפטער שכרות, קאנען נשתומם ווערען פון יענעם רייכען, פארגייסטיגטען קולטורעלען לעבען, וואס האט געהערשט אין א געבילדעטער דייטשער פאסטארען־פאמיליע בכלל, אין ניטשע'ס פאמיליע בפרט.

אין די שטילע צימערען פון ניטשע'ס הויז האבען געלעבט אלע מוזען פון דעם העכערען מענשליכען שאפען: די פאמיליע האט געהאט א פארשטענדניש און ליעבע צו דער שעהנער נא־טור, צו פאעזיע, קונסט, טעאטער, וויסענשאפט, רעליגיע, מוזיק, — דער עיקר: מוזיק! —, דעם פאליטישען לעבען און די היסטארישע פאסירונגען פון דער צייט. דיזעלביגע הויכע קולטור און דערזעל־ביגער אויפגעוועקטער אינטערעס צו די העכערע גיטער פון דער מענשהייט האבען אויך געהערשט ביי ניטשע'ס קרובים און אין די באפריינדעטע הייזער, מיט וועמעס קינדער ניטשע איז אין איי־נעם אויסגעוואקסען.

און אלטער, גוט־אפגעהיטער דעמבען־וואלד, מיט קיהלענדע שאטענס אונטער די פאנאנדערגעוואקסענע צווייגען, מיט אסך זון אויף די סאמעט־גרינע לאנגע צווישען די בוימער, — און די בוי־מער גופא — גלייכע, שטאלצע, זיכערע, מיט די שטארקסטעווארצ־לען אין דער טיף פון דער ערד, — אזא איינדרוק מאכט די דייט־שע קולטור, אין וועלכער עס האט זיך ערצויגען יענער יונגער פייער־גייסט, וואס האט זיך שפעטער אוועקגעשטעלט פאר זיין לע־בענס־אויפגאבע — אונטערצוצינדען דעם גאנצען וואלד און אויס־צוווארצלען אלע זיינע טויזענט־יעהריגע בוימער.

פון אט דעם רעוואלוציאנערען שטורעם־גייסט באמערקט זיך נאך זעהר וועניג אויך אין ניטשע'ס סטודענטישע יאהרען. אין די

פרידריך ניטשע

אוניווערזיטעטן, אין וועלכע ער האט געשטודירט, פיהרט ניטשע אַן אויסערגעוועהנליך רוהיגען, — איך וואלט שיער געזאגט: פיליסטרען מיושב'ן לעבען. ער ארבייט אסך, לייענט פיעל, פארלאזט נישט די אויסבילדונג פון זיין קערפער, שרייבט זיינע אינגעלשע זאכען (עראינערונגען און פאעזיע), מוזיצירט לידענשאפטליך און אקאמפאנירט אליין קליינע מוזיקאלישע שטיק, — א טאלאנט, וועלכען ער האט שוין ארויסגעוויזען אין זיין גאר פריהער קינדהייט.

אין דעם אייגענטליכען פאך זיינעם, — די קלאסישע פילאלאגיע, — שטייגט ער אריבער אלע זיינע חברים דורך אויסערגעוועהנליכע בקיאות און חריפות, אבער קיין גאון איז ער אין איהם ניט. קיין נייע וועגען פאר זיין ספעציעלער וויסענשאפט ברעכט ער ניט דורך. ער שניידט זיך אויף א זעהר טאלאנטפולען, דייטש־גרינדליכען געלערנטען מיט דער אויסזיכט צו זיין אַן ער־פאלגרייכער גימנאזיאל־לעהרער אין לאטיין און גריכיש, אפשר א פריוואט־דאצענט און דערנאך א פראפעסאר אין אַן אוניווערזיטעט.

אין איין פרט אבער שטייגט ער אריבער יענע גאנצע גייסטיגע אטמאספערע, וואס האט געהערשט צו זיין צייט אין דער פילאלאגישער וויסענשאפטליכער וועלט.

די קלאסישע פילאלאגיע האט צו איהר צוועק ניט נאר אויסצושטודירען אלע שפראך־פארמען און שפראך־געזעצען פון לאטיין און גריכיש, נאר אויך די גאנצע אומגעהויער רייכע ליטעראטור, וואס איז אין דער אלטער וועלט באשאפען געווארען אין יענע שפראכען. יענע ליטעראטור אבער איז דער גאנצער אוצר פון דער מענשליכער קולטור, וועלכען גריכענלאנד און רוים האבען איבערגעלאזען, און וועלכען די גאנצע מאדערנע מענשהייט האט איבערגענומען בירושה, ווי א יסוד פאר איהר ווייטערדיגער פראגרעסיווער אנטוויקלונג. פילאסאפיע, פאעזיע, געשיכטס־

פרידריך ניטשע

שרייבונג און אלגעמיינע וויסענשאפטען. — דאס זענען די פיער זיילען פון דער קלאסישער ליטעראטור. אויף די פיער וויכטיגסטע פעלדער פון דער קולטור האט די אלטע קלאסישע וועלט ארויסגע־בראכט זשעניען און ווערק, וואס פיעלע פון זיי זענען נאך ניט אריבערגעוואקסען געווארען ביז אויף דעם היינטיגען טאג. — זשע־ניען און ווערק, צו וועמעס שטים מיר מוזען זיך צוהערען עד היום. און אין וועמעס געדאנקען־וועלט עס וועלען זיך מוזען אריינטראכ־טען און ארייגלעבען נאך אסך און אסך פון די קומענדיגע דורות.

אין דעם יונגען ניטשע'ס צייטען האט אבער די פילאלאגישע וויסענשאפט פארלוירען די גרויסע געזיכטס־פונקטען. זי איז זיך פארלאפען אין דעם וואלד פון ספעציעלע איינצעל־פארשונגען און האט איבער די בוימער ניט געזעהן דעם וואלד. אויסגעפינען דעם ריכטיגען ט ע ק ס ט פון דער אדער יענער טונקעלער שטעל ביי דעם אדער יענעם אלטען מחבר. דורך די פארגלייכונג פון די פארשיידענסטע מאנוסקריפטען, וואס האבען זיך דערהאלטען ביז איצטער; פארשלאגען א גליקליכע סברה, ווי אזוי דער טעקסט דארף נעלייענט ווערען; אויפווייזען, ווער עס האט געווירקט אויף וועמען, ווער פון וועמען האט גענאשט אין דעם משך פון דער לי־טערארישער אנטוויקלונג; אויסגראבען נייען מאטעריאל פאר דער לעבענס־באשרייבונג און דער שריפטשטעלערישער טעטיגקייט פון דעם אדער יענעם אלטען מחבר, — אזעלכע און עהנליכע, געוויס זעהר וויכטיגע, אויפגאבען פון דער פארשונג זענען געשטאנען אויף דעם סדר היום.

אבער די הערשענדע וויסענשאפט האט דערביי כמעט אינ־גאנצען אנגעווארען דעם חוש פון דעם לעבעדיגען־לעבען, אזוי, אז איהרע פארשונגען האבען ניט געהאט קיין ברעקעל שיכות ניט נאר ניט צו די אייביגע פראבלעמען פון דער מענשליכער נשמה און צו די ברענענדיגע פראגען פון דעם היסטארישען היינט. נאר אפילו ניט צו די קולטורעלע פראבלעמען פון יענער צייט אין וועלכער די „טעקסטען" זענען באשאפען געווארען.

פרידריך ניטשע

די קלאַסישע פילאָלאָגיע האָט שוין לאַנג געשמ'ט מיט איהר אַפּגעריסענקייט פון דעם לעבען און די לעבעדיגע שטרעמונגען פון דעם מאָדערנעם געדאַנק. ווי באַקאַנט, איז דאָס אויך געווען דער אומשטאַנד, וואָס האָט אָפּגעשטויסען דעם רוסישען ראַדיקאַל פון די 60־ער יאָהרען, פּ י ס אַ ר ע ו ו, פון זיין וויסענשאַפטליכער פילאָלאָגישער קאַריערע.

אויך דעם סטודענט ניטשע, וואָס איז, ווי עס ווייזט אויס, נאָך געווען גאַנץ ווייט פון אַ וועלכען עס איז ראַדיקאַליזם, האָט גע־שלאָגען צו דער גאָל דער ריין אַרכעאָלאָגישער כאַראַקטער פון די ספּעציעלע פאָרשונגען, מיט וועלכע די פילאָלאָגיע האָט זיך אָפּ־געגעבען. ער איז, אמת, געווען אַריינגעטאָן אין זיי מיט דער התמדה פון אַן עכטען געלערנטען. אָבער זיין אינטערעס דערביי האָט זיך נישט באַנוגענט מיט די אויסגעפאָרשטע טעקסטען. אין די טעקסטען האָבען איהם קודם כל אינטערעסירט די מענשליכע געדאַנקען, וואָס ווערען אַרויסגעזאָגט, די ל ע ב ע נ ס ־ ע ל ע־מ ע נ ט ע ן, וואָס ווערען באַהאַנדעלט אין זיי, די מענשליכע נשמות, וואָס שטעהען הינטער זיי.

פאַר איהם, דעם פּאָעט און מוזיקער פון נאַטור, ד. ה., אַ מענ־שען מיט אַ רייכען, פיעל פאַרצווייגטען ג ע פ י ה ל ס ־ ל ע ב ע ן, האָבען די פאַרשיידענע טעאָרעטישע און וויסענשאַפטליכע פראַגען נישט געקאָנט פאַרבלייבען אַ קאַלטע, גלייכגילטיגע ש כ ל ־ ז אַ ך.

אומבאַוואוסטערהייט פאַר איהם גופא פלעגט יעדע „קאָפּ“־פראַגע זיך אַראָפּלאָזען פון דעם מוח אינ'ם האַרץ אַריין און דאָר־טען אַרויסרופען דעם אָדער יענעם אָפּקלאַנג אין געפיהל.

אויף אַזאַ'ן אופן האָט אין זיינע ריין־וויסענשאַפטליכע פאָר־שונגען גענומען שלאָגען דער דופק פון דעם לעבען גופא, און זיי האָבען גאַנץ זיכער גענומען אַריינטראָגען אַ לעבעדיגען שטראָם אין דער יעמאָלטדיגער וויסענשאַפט. גיט מען נאָך צו, אַז זיינע יונגע אַרבייטען האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט קלאָרען שכל, שאַר־פער לאָגיק, געלונגענע השערות און אַ שעהנעם לעבעדיגען סטיל,

פרידריך ניטשע

ווערט אונז קלאר, פארוואס זיי האבען באלד צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון דער געלערנטער וועלט בכלל און פון זיינע לעהרער אין דער אוניווערסיטעט בפרט. מען האט געוויס מיט רעכט געלעגט פיעל האפנונגען אויף איהם, ווי אויף א געלערנטען. וואס קאן ווערען א נייער עמוד האש אין זיין אייגענטליכען ווי־סענשאפטליכען פאך.

זיין עפענטליכע אנערקענונג אין דעם פרט האט נישט לאנג געלאזט ווארטען אויף זיך. אין דעם יאהר 1869, ווען ניטשע איז קוים אלט געווען 25 יאהר, איז אין באזעל געווארען וואקאנט די שטעל פון א פראפעסאר פאר קלאסישע פילאלאגיע. און ווען די באזעלער רעגירונג האט זיך געווענדט צו ניטשע׳ס לעהרער מיט דער בקשה, ער זאל אנווייזען, ווער פון זיינע יונגע תלמידים איז ראוי צו פארנעמען אזא חשוב׳ע שטעל, האט יענער גלייך רעקא־מענדירט דעם סטודענט ניטשע, וואס האט נאך אפילו נישט געהאלטען זיין עקזאמען אויף דאקטאר.

פון אן אויסערארדענטליכען פראפעסאר אין 1869 איז ער אין א יאהר ארום דערהויבען געווארען צו דער מדרגה פון אן א ר־ד ע נ ט ל י כ ע ן פראפעסאר און אויף דער שטעלע איז ער פאר־בליבען ביז צו דעם יאהר 1879, ווען זיינע אויגען־ליידען, פאר־בונדען מיט העפטיגע קאפ־שמערצען, מיט וועלכע ער האט זיך תמיד געפלאגט, האבען זיך אזוי פארשארפט, אז ער האט געמוזט אויפגעבען זיין טעטיגקייט, ווי א לעהרער, און זיך אינגאנצען אפ־געבען דער שריפטשטעלעריי.

אבער די האפנונגען, וואס מען האט געלעגט אויף איהם, ווי אויף א נייען לייכטענדען שטערן אין דער פילאלאגישער וויסענ־שאפט, זענען ניט מקוים געווארען. די ריין־פילאלאגישע פראב־לעמען פלעגען זיך אונטער זיין האנט פארוואנדלען אין ל ע ב ע נ ס־פ ר א ב ל ע מ ע ן, אין די אייביגע פראגען וועגען דעם ווערט און דעם זין פון דער מענשליכער קולטור און דעם מענשליכען לע־בען בכלל. די פילאלאגיע איז נאר געווען דער פרוזדור, וואס האט

פרידריך ניטשע

געפיהרט צו פ י ל א ס א פ י ע. און עס איז גאנץ נאטירליך, אז ניטשע האט זיך סוף־כל־סוף געמוזט אינגאנצע אריבערקלייבען פון דעם פרוזדור אין דעם טרקלין אריין. די פילאסאפיע איז דעריבער געווארען דאס הויפט־פעלד פון זיין טעטיגקייט, און ער האט זיך איבערגעגעבען איהר מיט דער גאנצער גלות פון זיין נשמה.

„מיט דער גאנצער גלות פון זיין נשמה" איז אין ניטשע'ס פאל נישט קיין שטיק מליצה, נאר די באשרייבונג פון א ווירקליכען צושטאנד.

שוין אויבען איז באמערקט געווארען, אז ביי ניטשע'ן זענען די געדאנקען תמיד געווען פארבונדען מיט געוויסע געפיהלען. ער האט זיי ניט ג ע ט ר א כ ט, נאר אויך געלעבט, געליטען מיט זיי אין טיפען צער און געיובעלט מיט זיי אין אן עקסטאטישער פרייד. און זיינע געפיהלען זענען תמיד געווען ט י פ ע און ש ט א ר ק ע. די מוזיק פון זיין הארצען איז געווען א ו ו א ג נ ע ר ' ש ע, מיט וועניג האלב־און־פערטעל־טענער, נאר תמיד מיט פולע, הויך און ברייט ארויסקלינגענדע אקארדען.

עס איז ביי איהם שפעטער געווארען א כלל פאר יעדען ערנסטען דענקער, אז אלע פראבלעמען מוזען איבערגעזעצט ווערען אין געפיהל און דארטען געשטייגערט ווערען ביז צו א ליידענשאפט.

ניט אין זיין אויסערליכען לעבען האבען זיך אפגעשפילט די שטורעמס פון זיינע ליידענשאפטליכע געדאנקען. זיין אויסערער לעבען ווייזט אונז א בילד פון מערקווירדיגער שטילקייט און איינטאניגקייט, פון 1879 ביז צו זיין גייסטעס־קראנקהייט אין 1889, וואס האט פלוצלונג איבערגעריסען זיין שאפען. האט ניטשע געלעבט אדער אויפ'ן ברעג מיטעללענדישען ים אדער אין די שווייצער־בערג, קעמפענדיג מיט זיינע קאפ־שמערצען און שלאפלאזיגקייט, און אויסנוצענדיג יעדע ארבייטס־פעהיגע שעה פאר דער אויסארבייטונג פון זיינע ווערק.

די שטורעמס פון זיין ליידענשאפטליכען געמיט האבען זיך

פרידריך ניטשע

אויסגעלעבט אין זיין ד ע נ ק ע ן, אין זיין ראנגלען זיך מיט זיך אליין און מיט דער גאנצער וועלט פאר יענעם א מ ת, צו וועלכען זיין קריטישער שכל האט זיך דערטראכט אין יעדען גע־געבענעם מאמענט.

ער, וואס האט זיך שפעטער גרויס געהאלטען מיט זיין א ט ע־א י ז ם איז, אין גרונד־געמומען, געווען א ר ע ל י ג י ע ז ע נאטור, א נביאים׳שע רעפארמאטארישע נאטור, מיט דעם „פייער וואס ברענט אין די ביינער", אויף וועלכען דער נביא ירמיהו האט זיך געקלאגט, ווי אויף זיין אומגליק.

ער, וואס האט אין די שפעטערע יאהרען, אונטער דעם איינ־פלוס פון דער פוילישער „מאזורקא" אין זיין בלוט, הילכיג גע־לאכט פון יעדער „הייליגקייט" און יעדער „מאראל" און גערופען צו דעם פרעהליכסטען לעבענס־טאנץ, געהייסען „אויסטאנצען" נישט נאר די פרייד, נאר אויך די יסורים פון דעם לעבען, — איז, אין גרונד גענומען, געווען א טיף מ א ר א ל י ש ע נאטור, וואס פאר איהר האט ד י ל י י ד ע נ ש א פ ט צ ו ד ע ם א מ ת אריבערגעהילכט אלע אנדערע ליידענשאפטען; ביי וועמען דער עקסטאז פון ז ו כ ע ן דעם אמת האט איינגעשלונגען אלע כוחות פון דער נשמה. „די ניטשע׳ס לייגען ניט", — אט דער דעוויז פון זיין קינדהייט און יוגענד איז געווען זיין אייגענער „קאטעגארישער אימפעראטיוו". וואס האט געהאלטען אין צוים די מאזורקא, — אן אינווענייגסטער אומבאדינגטער באפעהל, א זעלבסט־הערשערישע פליכט, וועלכער ער איז אלע מאל געבליבען טריי אין אלע וואנדלונגען און רעוואלוציאנען פון זיין תמיד אויפ־געשטורעמטען גייסט.

א גאנץ נייע ארט פון א פילאסאפישען דענקער! פונקט דער היפך פון דעם פילאסאפישען אידעאל, וואס איז דערגרייכט גע־ווארען אין דער געדאנקען־ארבייט פון א שפינאזא!

פאר שפינאזא׳ן האט פילאסאפיש דענקען געהייסען: „נישט לאכען, ניט וויינען, נאר פארשטעהן." פאר ניטשע׳ן איז דענ־

קען בפירוש געווען — א לאכען און א וויינען, א זיך צאפלען אין די אנגסטען און די תאוות, וואס דער זוכען פון דעם אמת ברענגט מיט זיך, — אין די אנגסטען און די תענוגים, וואס דער אנבליק פון דעם געפונענעם אמת גיט אונז.

דער אינטערעס צו ריין פילאסאפישע פראבלעמען, וואס האט לסוף אפגעשטופט זיין וויסענשאפטליכע טעטיגקייט אינגאנצען אן א זייט, איז ביי ניטשע'ן וואך געווארען נאך אין די יונגע סטודענטען־יאהרען ,א דאנק א צופעליגער באקאנטשאפט מיט א בוך, וואס האט ארויפגעלעגט א מעכטיגען שטעמפעל אויף זיין גאנצער פילאסאפישער אנטוויקלונג.

איינמאל איז ער אריין צו א בוקיניסט און האט צופעליג גענומען אין די הענט א בוך פון א יעמאלט נאך גנאץ אומבאקאנטען פילאסאפישען שריפטשטעלער, וואס האט איהם פאראינטערעסירט סיי מיט דעם קלאנג פון זיין נאמען, סיי מיט דעם טיטעל פון דעם ווערק. דער נאמען פון דעם מחבר איז געווען ארטור שאפענהאוער און דאס בוך האט זיך גערופען: „די וועלט אלס ווילע אונד פארשטעלונג."

שאפענהאוער'ס הויפט־ווערק, וואס איז איצטער איינס פון די קלאסישע ווערק אין דער מאדערנער פילאסאפיע, איז ווי באקאנט, ערשינען נאך אין דעם יאהר 1818, און האט זיך פארשפרייט נאר אין זעהר א קליינער צאהל עקזעמפלארען. דער נאמען פון דעם מחבר איז באלד אזוי גרונטליך פארגעסען געווארען, אז דער פארלעגער האט שוין געטראכט צו פארקויפען די גאנצע אויפלאגע אין א פאפיר־פאבריק.

ערשט אין דעם אנהויב פון די 60ער יאהרען איז שאפענהאוער אויפגעשטאנען תחית המתים און אין די שפיצען פון דער אינטעליגענץ האט מען זיך גענומען ערנסט אינטערעסירען מיט זיין ווערק און מיט זיין פילאסאפיע, וואס איז צו דעם סוף פון דעם יאהרצעהנט שוין געווארען די מאדע־פילאסאפיע פון דער גאנצער געבילדעטער געזעלשאפט.

פרידריך ניטשע

משמעות, אז אין דער צייט, ווען זיין בוך איז ארייננעפאלען אין ניטשע׳ס הענט, האבען די וואלען פון זיין וואקסענדען רוהם זיך נאך נישט דערקייקעלט צו די ערנסטע סטודענטען־קרייזען. דער נאמען: „שאפענהאוער“ איז פאר ניטשע׳ן געווען א לעדיגער קלאנג, און ער האט זיך געשלאגען מיט דער דעה, צי ער זאל אויסגעבען זיין געלט אויף אזא בוך. אבער ער האט פארט געקויפט, און האט קיינמאל קיין חרטה ניט געהאט אויף אט דער צופעליגער קניה.

מען קאן זיך לייכט משער זיין, וואס פאר א געוואלטיגען רושם דאס בוך האט גענדארפט מאכען אויף אזא ענטוזיאסטישען אמת־זוכער, ווי ניטשע.

דער גלענצענדער סטיל, די אומגעהייערע טיף און אין דער־זעלביגער צייט קלארקייט פון דעם געדאנק, די איבערראשענדע נייע רעזולטאטען, צו וועלכע דער דענקער קומט, סיי אין די ספע־ציעלע פראגען פון דער פילאסאפישער פארשונג, סיי אין דעם סך־הכל פון זיין וועלטאנשויאונג, און דערצו די אוממיטעלבארע נאהנטקייט צו דעם מענשליכען ל ע ב ע ן און זיינע אייגענע פראבלעמען, דער ליכט־שיין, וואס דרינגט אריין הינטער דעם פארהאנג פון דעם קלארען באוואוסטזיין און באלייכט די באהאל־טענע טרייב־פעדערען פון די מענשליכע מעשים, די צונויפגעגא־סענקייט פון געדאנק און געפיהל, — דאס אלץ האט געמוזט וויר־קען באצויבערענד אויף דעם יונגען גייסט.

ניטשע האט ניט „געלייענט“ דאס בוך: ער האט, לויט זיין טבע, דורכגעלעבט, דורכגעפיהלט, און ווי א פאעט, זיך אריינ־געלעבט און אריינגעפיהלט אין שאפענהאוער׳ן און איז געווארען איינער פון זיינע באגייסטערטע אנהענגער.

געוויס האט ער ניט געקאנט אין אלע פונקטען מסכים זיין מיט שאפענהאוער׳ס פעסימיזם. ניטשע האט קיינמאל ניט באַ־לאנגט צו יענע ענטוזיאסטישע „חסידים“ פון א וועלכען עס איז „רבי׳ן“, וואס נעמען אויף דעם רבין׳ס תורה מיט אלע איהרע

פרידריך ניטשע

תרי״ג קליינינקייטען און ווערען נתפעל פון יעדען קוצו־של־יוד. און דערנאך, אז זיי כאפען דעם רבי'ן ביי א גרייז אין א קוצו־של־יוד, צוברעכען זיי אינגאנצען זייער אפגאט מיט דעמזעלבען בלינדען פאנאטיזם, מיט וועלכען זיי האבען זיך פריהער געבוקט פאר איהם.

ער האט נאך אריבערגענומען די טעארעטישע **יסודות** פון דעם נייען געדאנק, און איז תיכף געקומען צו זיינע אייגענע רעזולטאטען, וואס האבען, אויב מען מעג זיך אזוי אויסדריקען, מיט איין פוס שוין אריבער געשפרייזט דעם גרענעץ פון שאפענהאוער'ס פילאסאפיע.

דער „סוף דבר" פון שאפענהאוער'ס שיטה איז דער פינסטערסטער פעסימיזם. עס איז נישטא קיין ערגערע וועלט, איידער די, אין וועלכער מיר לעבען. נוח לו לאדם שלא נברא משנברא. בעסער ניט געבוירען ווערען, איידער געבוירען ווערען. און ווען מען איז שוין געבוירען געווארען, איז בעסער פרייוויליג אוועקגעהן פון דער וועלט, איידער שלעפען אויף זיך די משא פון א וויסטער נארישער עקזיסטענץ.

די וועלט, — האט געלערענט שאפענהאוער, — איז ניט קיין פראדוקט פון א קלוגשאפענעם, אל־גוטען און אל־גערעכטען גאט. אזא גאט איז ניטא. ער איז אן אויסטראכטעכץ פון דעם אידישען פאלק, וואס איז להוט נאכ'ן לעבען און זוכט דאריבער איינצושמועסען זיך און אנדערע, אז עס קאן זיין א וועלכער עס איז שכל'דיגער זין אין דעם גאנצען באשאף און ממילא אויך אין דעם מענשליכען לעבען.

אין איהר תוך איז די וועלט ניט קיין אנדער זאך, ווי בלינדער ווילען צו עקזיסטענץ. און דאס איז אויך אין איהר תוך די מענשליכע נשמה, וואס איז ניט פארשיידען פון דעם מענשליכען גוף. אט דער בלינדער ווילען איז אן איין־איינציגער איבער דער גאנצער וועלט. ער און די וועלט איז איין און דיזעלביגע זאך. אין יע־

פרידריך ניטשע

דער איינצעל־זאך פון דער וועלט ווירקט ער אויף דעמזעלביגען בלינדען אופן: ער שטרעבט אין זיי צו עקזיסטענץ אהן א פאר־וואס, אהן א צוליעב־וואס.

שוין פון אט דער גרונט־אייגענשאפט פון דער וועלט — צו זיין א ב ל י נ ד ע ר ווילען צו אן עקסיסטענץ, וואס האט קיין ברעקעל זין ניט — שטאמען אלע איהרע צרות און יסורים, מיט וועלכע זי איז פול. ס'איז אן אייביגער ה ו נ ג ע ר, אן אייביגע אומצופרידענקייט מיט זיך אליין, איבערגעריסען נאר מיט איינ־צעלנע מאמענטען פון א צייטווייליגער זעטיגונג, וואס זענען פאר־בונדען מיט הרף־עין'ס פון הנאה. קוים אבער האלט אן די הנאה אביסעל א לענגערע צייט, אזוי וועפט זי זיך באלד אויס, און אויף איהר שטעל טרעט אריין שפל'קייט און חלשות. עס הויבט אן ווידער געניצען די לעדיגקייט און וויסטקייט פון דעם גאנצען זיין. און נייע זינלאזע באדערפענישען און ליידענשאפטען הויבען אן פלאגען די נשמה.

דער שאפענהאוער'שער וועלט־סך־הכל איז דעריבער אזא: ס'איז אן אומענדליכער לעדיגער וויסטער חלל, וואס שטרעבט תמיד זיך אנצופילען. כל־זמן ער איז נישט אנגעפילט, ליידט ער פון ניט אויסהאלטענדען שמארץ און פיין. ווערט ער אויף א ווייל פארשטאפט מיט „עקזיסטענץ", שטעלט זיך אין איהם באלד איין די ניט אויסצוהאלטענדע חלשות און שפל'קייט.

העכסט רעוואלוציאנער אין זיין צייט איז געווען שאפענ־האוער'ס בליק אויף דעם מהות פון דעם מענשליכען שכל, אויף דאס שאפען אין די אזוי אנגערופענע העכערע פעלדער פון דער מענשליכער קולטור: אין רעליגיע, פילאסאפיע, מאראל און קונסט די גאנצע פילאסאפיע פון זיין צייט האט גראד אין יענע שאפונ־גען געזעהן די אנטפלעקונג פון דעם געטליכען תוך, וואס הערשט אין דער וועלט, זיין געשטייגערטע און אפגעקלערטע **תכלית השלימות**.

אזוי, צ. ב., האט פיכטע געלערנט, אז דער געטליכער תוך פון דער וועלט איז די קלוגע גערעכטיגקייט, די מאראלישע ארדנונג און ממילא איז די עטיק, די מאראל, — די העכסטע אנטפלע־קונג פון דעם געטליכען מהות. קונסט, רעליגיע און די טעארע־טישע געדאנקען־וועלט זענען נאר שטופען, וואס פיהרען צו דעם העכסטען שטאפעל פון פאלקאמענהייט, צו דער אויפגעקלערטער מאראל. זיין תלמיד שעלינג האט איבערגעביטען דעם סדר. פאר איהם איז די העכסטע שטופע פון דער אלוועלטליכער אנט־וויקלונג געווען ניט די מאראל, נאר די קונסט, די באשא־פערישע שעהנקייט, ווייל דער געטליכער מהות פון דער וועלט (די „סובסטאנץ“) איז אין זיין תוך, אן עסטעטישער. א שטרעבען צו שעהנקייט. שעלינגס תלמיד, דער גרויסער הע־געל, האט ווידער ארויסגעבראכט א גאנץ אנדער סדר: די סובסטאנץ פון דער וועלט, די גאטהייט, וואס לעבט און וועבט אין איהר, איז נישט קיין עטישער ווילען, נישט קיין עסטעטי־שער געפיהל, נאר א לאגישער דענקען, א גייסט, און ממילא איז די העכסטע געטליכע אנטפלעקונג: די פילאסאפיע. און די העכסטע שטופע פון דער פילא־סאפיע איז זיין אייגענער, העגעל׳שער געדאנקען־סיסטעם, אין וועל־כען די גאטהייט האט זיך אנטפלעקט אין איהר אבסאלוטער פאל־קאמענהייט.

דער צד השוה צווישען די דריי גרעסטע מעטאפיזיקער פון דעם ניינצעהנטען יאהרהונדערט איז באשטאנען אין דעם, וואס זיי האבען געזעהן אין דער וועלט א פראדוקט פון אן אינעווייניגס־טען געטליכען שאפען, וואס איז דורך־און־דורך אנגעזאפט מיט גע־רעכטיגקייט, שעהנקייט און שכל, וואס איז אין זיין אינעווייניגס־טען מהות אדער גערעכטיגקייט אדער שעהנקייט, אדער שכל, אדער אלע דריי מעלות אין איינעם.

שאפענהאוער האט ניט געקאנט אויסשטעהן אזעלכע רעד. „שארלאטאנעס“, „שווינדלער“ און אנדערע אזעלכע נעמען האט

פרידריך ניטשע

ער געשליידערט אין פנים אריין די פילאָסאָפען. דערהויפּט האָט ער ניט געקאָנט אריבערטראָגען העגעל'ן און זיין „וועלט־שכל.“

פאַר שאָפּענהאַוער'ן זענען די אזוי גערופענע העכסטע פעלדער פון דער מענשליכער קולטור געווען ניט די העכסטע אנטפּלעקונגען פון דער גאָטהייט, — ער האָט לגמרי געלייקענט, אז עס איז דאָ אַ וועלכער עס איז פאַרנינפטיג־געטליכער פּרינציפּ אין דער וועלט, — ניט די פאָלקומסטע פאַנאַנדערבליהונג פון דעם געטליכען מהות. פאַר איהם זענען זיי געווען אדרבה, אַ שטרעבען פון דעם אומזיניגען וועלט־ווילען אין דעם מענשען *פּטור צו ווערען פון זיך אליין* און דער אייגענער עקזיסטענץ, *א שטרעבען אויסגעלעזט צו ווערען פון זיך אליין* און יענע יסורים, וואָס זענען פאַרבונדען מיט דעם ווילען צו דעם זיין.

דער *שכל*, וואָס האָט אין דעם מענשען דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון זיין אנטוויקלונג, איז לכתחילה ארויסגעבראַכט געוואָרען פון דעם וועלט־ווילען ניט צוליעב שכל'ען זיך און דערקענען זיך גופא, נאָר נישט מעהר *ווי אַ געצייג* אין דעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, ווי א דינער, וואָס פיהרט אויס די באַפעהלען פון דעם בלינדען ווילען. אָט צו דעם צוועק האָט דער ווילען אויסגעבויט דורך דעם שכל אַ גאַנצע וועלט פון *פאַרשטעלונגען*, פון אילוזיעס און דמיונות: אַן אומענדליך אויסגעשפּרייטען וועלט־חלל, מיט אַן אומענדליכער צייט, מיט אַ מאַטעריע, וואָס פילט זי אָן, מיט איינצעל־ערשיינונגען, וואָס ווירקען איינע אויף די אַנדערע, מיט אורזאַכען און ווירקונגען, מיט צילען און מיטלען. די גאַנצע וועלט, וואָס מיר זעהען האָט די *פאַרשטעלונג* אויסגעוועבט און ארויפגעוואָרפען ווי אַ שלייער אויף דעם *תוך* פון דער וועלט, וואָס איז אַ רייגער גאָרנישט, אחוץ דעם בלינדען ווילען צו זיין. ערשט שפּעטער האָט דער שכל, וואָס זוכט אומעטום אורזאַכען און צילען, גענומען טראַכטען וועגען זיך אליין און איהם איז נמאס געוואָרען זיין אייגענער

שאפען. שוין אין דער אלטער אינדישער פילאסאפיע און אין דעם אידישען „קהלת“ האט דער מענשליכער שכל דערקענט זיין אייגענע נישטיגקייט און די נישטיגקייט פון דער גאנצער וועלט.

אט דעם אמת פון דעם פילאסאפישען געדאנק האט נאך פריהער מיט'ן געפיהל דערשפירט די רעליגיע, — דער עיקר אין איהר העכסטער געשטאלט, — ווען זי ברענגט ארויס דעם געדאנק פון „בטול היש“ און פון „הייליגקייט“, ד. ה. ווען זי דערהויבט זיך צו דעם אידעאל פון אונטערדריקען דעם אייגענעם ווילען און זיך אויסלעזען פון איהם.

אויך די מאראל קען, נאך שאפענהאוער'ס מיינונג, דערקלערט ווערען ניט אנדערש, ווי נאר פון דעמזעלביגען פילאסאפישען שטאנדפונקט. די מאראל איז אויפגעבויט אויף דעם געפיהל פון רחמנות, פון מיטלייד מיט דעם אנדערען. ווען מיר זעהען דעם אנדערענס לײדען, דערמאנען מיר זיך אן אונזער אייגענעם לעבען, וואס איז אין תוך אריין ניט קיין אנדער זאך, ווי לײדען. מיר ווילען העלפען גרינגער מאכען די לײדען, ווייל מיר אליין ווילען אויסגעלעזט ווערען פון זיי. אבער די אמת'ע גאולה און ישועה ברענגט די מאראל ארויס ערשט דאמאלט, ווען זי לערענט דעם מענשען גובר זיין אין זיך גופא דעם ווילען צום לעבען, דורך אסקעטיזם.

באזונדערס אינטערעסאנט זענען שאפענהאוער'ס געדאנקען וועגען דער קונסט און איהר באדייטונג פאר דאס מענשליכע לעבען און דעם וועלט־געשעהען בכלל. אויך אין זיי זעהט ער א דאפעלטען פראצעס: פריהער א פארקערפערונג פון דעם ווילען צום זיין, און דערנאך — אויף די העכערע שטופען פון זייער אנטוויקלונג — די אומגעקערטע טענדענץ: דאס שטרעבען צו אנטלויפען פון דעם זיין, לפחות, צו אנטלויפען פון דעם אייגענעם „איך“ אין א וועלט פון שעהנע פארמען, אידעען, פארבען און קלאנגען, וואס שלינגען איין דעם „איך“, און ברענגען אביסעל בא־

רוהיגונג פאר דעם תמיד ברענענדעז „הלעיטני” פוז דעם וועלט־ווילעז איז אונז.

דערהויפט האט שאפענהאוער ארויסגעוויזעז א מערקווירדיגע פסיכאלאגישע טיפקייט איז זייז פילאסאפיע פוז דער מוזיק. די מוזיק הויבט ער אויף צו א מדרגה,, אויף וועלכער זי איז ביז צו איהם ניט געשטאנעז ביי קייז פילאסאף. זי איז פאר איהם די שפראך פוז דעם ווילעז צום לעבעז, אז אוממיטעל־בארער אויסדרוק פוז דעם וועלטליכעז תוך און איז דערזועלביגער צייט גיט אונז די מוזיק — איז איהרע העכסטע פארמעז — די איינשלעפערונג און פארוויגונג פוז דעם לעבענס־ווילעז, די בארוהי־גונג פאר זייז פייז און שמארץ.

די שאפענהאוער'שע פילאסאפיע איז, ווי מעז זעהט, א מע־סיאניש ע. איז איהר צענטער שטעהט דער געדאנק פוז בא־פרייאונג און אויסלעזונג, פוז א „שיח”. אבער דא געהט עס ניט איז באפרייעז און אויסלעזעז א באשטימטעז פאלק פוז גלות, ווי איז דער אלטער אידישער רעליגיע; ניט איז באפרייעז און אויס־לעזעז די נשמה פוז איהרע זינד, ווי איז קריסטענטום. שאפענ־האוער רעדט וועגעז באפרייעז און אויסלעזעז די גאנצע וועלט, ווי דאס טוט די חסידות. אבער בעת איז דער חסידות (וואס האט בכלל אסך באריהרונגס־פונקטעז מיט דער שאפענהאוער'שער פילאסאפיע) רעדט זיך וועגעז אויסלעזעז די וועלט פוז די טומאה־נעצעז און די קליפות, איז וועלכע זי איז ארייגעפאלעז, פארשטעהט שאפענהאוער דעם עניז פוז דער וועלט־גאולה און דער וועלט־ישועה נאר איז דעם זיז פוז באפרייעז דעם וועלט־ווילעז פוז זייז אייגענער עק־זיסטענץ און דורך דעם גופא מאכעז א סוף צו יענער טראַ־גי־קאמעדיע, וואס רופט זיך „וועלט”.

אט דאס איז איז די גרונד־שטריכעז געוועז דער אינהאלט פוז דעם בוך, וואס איז צופעליג ארייגעפאלעז איז ניטשע'ס הענט, גראד צו א צייט, ווען זייז געמיט איז נאך געוועז אזוי יונג

און צארט, אזוי פול מיט פאעזיע און מוזיק, און זיין אייגענע גע־דאנקען־קראפט האט נאר וואס גענומען שפירען, אז איהרע פליג־לען האלטען אין איין וואקסען.

מען דארף נישט זוכען אין ניטשע'ס לעבענס־שיקזאלען א וועלכע עס איז דערקלערונג, פארוואס זיין נשמה האט זיך געלאזט אריינפאנגען אין די נעצען פון אזא פילאסאפיע פון יאוש און וועלט־פארלייקענונג. זיין לעבען, ווי מיר האבען שוין באמערקט, איז געווען אין דער יוגענד מעהר אידיליש, איידער טראגיש, — אויב מען זאל נישט רעכענען די רעאומאטישע קאפ־שמערצען, פון וועלכע ער האט אפט געליטען, און יענעם אינעוועניגסטען נשמה־טרויער, וואס יעדער יונגערמאן לעבט דורך, בפרט אזא פאעטישער און מוזיקאלישער און נאך דערצו אזא ענטוזיאסטישער יונגערמאן ווי ניטשע, וועמעס פאנטאזיע איז צו אפט באפליגעלט געווארען מיט שטרעבונגען צו ראמאנטישער העלדישקייט.

אין דעם געדאנקען־גאנג, וואס האט זיך אנטפלעקט פאר איהם, ליגט גענוג אייגענער צויבער און מאגנעטיזם, וואס דער־קלערט זיין פאר'שיכור'ענדע ווירקונג אויף יעדען געמיט, וועלכער לעבט זיך אין איהם ערנסט אריין. עס איז דער וועלט־צער, וואס רעדט פון איהם אזוי בארעדעוודיג, מיט אזוי פיעל ערנס־טע קענטעניש פון וועלט און לעבען, מיט אזוי פיעל דערהויבענ־קייט איבער דעם טאג־טעגליכען געשמייע און געהאווע פון דעם המון, מיט אזוי פיעל גיפטיגע קריטיק פון אלץ, וואס איינער האט ביז אהער געהאלטען פאר אמת און הייליג, מיט אזא הויך געשטעל־טען ציל פאר די באשטרעבונגען פון דעם איינצעלנעם: אויסלעזען די גאנצע וועלט פון איהרע זינלאזע ליידען! נעמען א פערזענ־ליכען אנטייל אין יענעם פראצעס פון דער וועלטליכער אנטוויק־לונג, אין וועלכער דער מענש ווערט דורך זיין העכערער קול־טור דער גואל און מושיע פון דער גאנצער וועלט!

דערצו דארף מען נאך צוגעבען די ווירקונג אויף ניטשע'ן פון ריכארד וואגנער'ן, מיט וועמען ער איז פער־

זענליך באקאנט געווארען כמעט אין דערזעלביגער צייט, און ווע־מעס מוזיק ער האט נאך אסך פריהער זיך אויסגעלערענט צו שע־צען און צו ליעבען.

ריכארד וואגנער איז אויך געוועזען א שאפענהאוער׳יאנער. און אויב זיין רבי האט געלערענט, אז „די מוזיק בכלל איז א מעלא־דיע, צו וועלכער די וועלט איז דער טעקסט,“ האט וואגנער אויף זיין אייגענער מוזיק געקוקט ווי אויף מעלאדיע, וואס איהר טעקסט איז די שאפענהאוער׳שע וועלט־דערקלערונג. צו אט דער מוזיקאליש־פילאסאפישער מיסיע האט וואגנער בא־וואוסטזיניג געשטרעבט אין זיינע קאלאסאלע שאפונגען אזוי, אז די נעמען שאפענהאוער און וואגנער זענען ווי צונויפגעגאסען גע־ווארען אין איין קלאנג און באגריף פאר אלעמען, וואס האבען זיך צוגעהערט צו דער נייער שטרעמונג אין דער מוזיק און אין דער פילאסאפיע. אויף שאפענהאוער׳ן און וואגנער׳ן האט מען גע־קוקט, ווי אויף די נייע לעצטע נביאים, ווי אויף די גואלים און מושיעים פון דער טאג־טעגליכער עקזיסטענץ.

און מיט דיזעלביגע ענטוזיאסטיש באוואונדערנדע בליקען האט אויף זיי געקוקט אויך ניטשע. אבער מערקווירדיג! אין דעם כאר פון שטימען, וואס טראגען זיך פון שאפענהאוער׳ס פילאזא־פיע, האט ניטשע ארויסגעהערט נישט אזוי יענע טיפע טרויעריג־ברומינגע באס־טענער, וואס קלאגען אויף דעם גורל פון מענש און וועלט, נאר יענע העלערע, קלינגענדערע, העכערע, וואס רופען צו קאמף אנטקעגען די אלטע אנשויאונגען מיט די אלטע אידעאלען און ווייזען אן אויף דעם וועג צו דער גאולה.

אין שאפענהאור׳ס יאוש־פילאסאפיע האבען פאר דעם יונ־גען ניטשע געברענט אסך פרייד־פייערען. דאס איז געוועזען די פרעהליכע שרפה, וואס האט אונטערגעצונדען די גאנצע אלטע קול־טור. אט פאלען פאנאנדער אלע זיילען פון דער איבערנאטירלי־כער רעליגיע. דער אלטער אל־גוטער, אל־גערעכטער און אל־קלוג־

פרידריך ניטשע

שאפענער אידישער גאט בכבודו ובעצמו פאלט אין פייער און א שטראם לאדערנדע פונקען טוט זיך א הויב און א שלאג־ארויף ביז הויך אין דעם נאכטליכען הימעל אריין. אט צוקריכט און צוגעהט אין דער גלות די אלטע מ א ר א ל, מיט איהרע הייליגע באפעהלען, מיט אלע איהרע איינצאמענדע „מעגען און נישט טארען.“ אט דרעהט זיך צונויף אין דרייען די גאנצע אלטע מ ע ט א פ י־ ז י ק, וואס האט געוואלט פארפוצען די וועלטליכע עקזיסטענץ און פארדעכען די מענשען די ציין. אט ווערט אויסגעברענט די גאנצע שטויביגע טאג־טעגליכקייט פון דעם לעבען, מיט דעם גאנצען ה מ ו ן עולם, וואס האט זיך געוואלגערט אין דעם שטויב, ארומגעקראכען אין איהם און האט גוועאלט אויסוועבען פון דעם שטויב מאנטלען פאר זיין הוילער נאקעטקייט.

„די צושטערענדע לוסט איז א שאפענדע לוסט“, האט אמאל, נאך אין די דרייסיגער יאהרען, געזאגט דער אנארכיסט באקונין. פאר ניטשע'ן האט זיך דער לעבענס־פינסטערער אומעט פון דעם שאפענהאוער'ישען פעסימיזם אומבאוואוסטערהייט פארוואנדעלט אין א צושטערענדע לעבענסלוסט. דער „הבל־הבלים“־טאן איז פאר איהם אינגאנצען פארשטומט געווארען. עס איז נישט קיין „גארנישט שב'גארנישט“ — פאנאנדערצוריהען אלע יסודות פון א מענשליכער קולטור און אוועקשטעלען זי אויף א גאנץ נייעם פונדאמענט! צו דער צושטערענדער לוסט איז צוגעקומען די ריינשאפענדע לעבענס־לוסט: די אויסארבייטונג און ארייגפיהרונג אין לעבען פון יענעם נייען פונדאמענט.

פארגעסען מיר ניט: ניטשע איז בטבע ניט נאר פאעט, מוזיקער און דענקער, וואס לעבט און פיהלט־דורך זיינע געדאנקען און דערהויבט זיי ביז צו דער מדרגה פון א ליידענשאפטליכען עקסטאז; ער איז אויך דער ר ע פ א ר מ א ט א ר און, — ווי משונה'דיג דאס זאל נישט קלינגען בנוגע צו ניטשע'ן, — דער שטרענגער מ א ר א ל י ס ט, וואס פאדערט מיט דעם הארבען ווארט: ווארפט אוועק אלע אייערע אלטע עבודה־זרה'ס! אט אזוי

פרידריך ניטשע

זאלט איהר לעבען! אט צו דעם זאלט איהר שטרעבען! אט דאס זאלען זיין אייערע לעבענס־צילען!

דאס איז דער קאנטישער „קאטעגארישער אימפעראטיוו“, דער אייביגער „דו זאלסט!“, וואס האט תמיד געלעבט אין ניטשע׳ס בלוט, אנטקעגען וועלכען ער האט זיין לעבען־לאנג געקעמפט און וואס האט איהם תמיד גובר געווען.

אין דער שאפענהאוער׳שער פילאסאפיע גופא, אין דעם סיסטעם, וואס לייקענט פרינציפיעל אפ יעדע ארט לעבען; וואס באטראכט פאר דעם אידעאל פון א מענשליכען לעבען (מיר האבען דאס אויבען פארגעסען צו דערמאנען) דעם פרייוויליגען טויט דורך פארהונגערונג, דורך דער אפטויטונג פון דעם ווילען צום לעבען, — אין אזא פילאסאפיע גופא געפינט ניטשע א קוואל פון שאפענדער לעבענס־לוסט.

דאס הויפט־ציל פון א פארנינפטיגען לעבען בלייבט נאך ביי איהם פאר א צייט דאס אייגענע וואס ביי שאפענהאוער׳ן: גובר זיין אין זיך דעם בלינדען ווילען צו עקזיסטענץ, ארויסרייסען זיך פון די דמיונות און אילוזיעס, מיט וועלכע דער ווילען שפינט ארום זיין בלינדען אימפולס צום לעבען. דער עיקר — באפרייען זיך פון יענער אילוזיע, וואס גלויבט אין דער מעגליכקייט פון גליק אויף דער וועלט.

אין א בריף צו א פריינד פון יענער צייט, קריטיקירט ער די סאציאליסטישע באוועגונג, וואס האט זיך גענומען פאנאנדערוואקסען, א דאנק דער אגיטאציע פון פערדינאנד לאסאל (געשטארבען אין 1863). ער ווייזט אן אויף דעם פרינציפיעלען גרונט־פעהלער פון לאסאל׳ן און דעם גאנצען סאציאליזם בכלל: דעם גלויבען אין דער מעגליכקייט פון גליק.

אין איינעם מיט שאפענהאוער׳ן שטרעבט ער צו דער בטולה פון דעם בלינדען וועלט־ווילען. אבער גראד דא הויבט ער זיך אן

פאנאנדערצוגעהן מיט זיין רבי'ן. די גאולה דארף באשטעהן ניט אין דעם ראדיקאלען אפלייקענען פון יעדען זיין, ווי דאס פאדערט שאפענהאוער. זי דארף אנגעשטרעבט ווערען אויף דעמזעלביגען וועג, אויף וועלכען די בעסטע מענשען, די ה ע ל ד י ש ע ע ק ז ע מ פ ל א ר ע ן פ ו ן ד ע ר מ ע נ ש ה י י ט, האבען זי אנגעשטרעבט ביז אהער: אויף דעם וועג פון ש א פ ע ן העכערע מענשליכע ווערטען, אין וועלכע דער איינצעל־מענש שטעלט זיך אוועק העכער פאר דעם וועלט־ווילען און זיינע טאג־טעגליכע זינילאזע שטרעבונגען.

געווים איז אט דער וועג פארשפארט פאר דעם ה מ ו ן, פאר דער מאסע, וואס ווערט שטענדיג שטעהן אונטער דעם דרוק פון דעם וועלט־ווילען און זיינע אינטערעסען. אבער דער זין פון דעם מענשליכען לעבען דארף גארניט געזוכט ווערען ניט א י ן די מאסען, ניט אין א לעבען צ ו ל י ע ב די מאסען. אין אזא פעהלער זענען — מיינט ניטשע — ארייננעפאלען אלע ד ע מ א ק ר א ט י ש ע טענדענצען פון דער מענשהייט, אנגעהויבען פון דעם קריסטענטום און געענדיגט מיט דעם סאציאליזם. דער גלויבען אין די מאסען און דער איבערגעשפאנטער אינטערעס צו זייער שיקזאל איז אקוראט אזא גרונט־פעהלער, ווי דער גלויבען אין דער מעגליכקייט פון גליק.

אבער א חוץ דעם המון־עם, מיט זיין טאג־טעגליכען יאגען זיך נאך דער אילוזיע פון גליק, — ברענגט די מענשהייט ארוים אז אנדער ערשיינונג: דעם ז ש ע נ י, דעם באשאפער פון נייע גייסטיגע וועלטען. דעם ה ע ל ד, וואס ווערט געטריבען צו זיינע טאטען, ניט פון דעם בלינדען ווילען צו ג ל י ק, נאר ווייל ער שטרעבט באוואוסטזיניגערהייט צו ג ר ו י ס און ש ע ה ן.

ווי וויסט און נישטיג די וועלט זאל ניט זיין, — און זי איז אין איהר גרעסטען שטח נישטיג און וויסט, — די ערשיינונג פון דעם זשעני פארשיינט זי, גיט איהר א זין און א ציל. דער זשעני

איז דער תיקון פאר דעם וועלט־ווילען. — וואלט ניטשע געקאנט זאגען אין דער שפראך פון דער חסידות.

און ווען ניטשע טראכט אין יענער צייט פון דעם זשעני, טראגען זיך פאר זיינע אויגען די געשטאלטען פון ש א פ ע נ ה א ו ע ר'ן און ו ו א ג נ ע ר ' ן. וועלכע וועלטען האבען זיי באשאפען! וועלכע וואונדער פון גייסט און געפיהל האבען זיי אנטפלעקט!

די גאולה פון דעם בלינדען וועלט־ווילען קאן געפונען ווערען נאר אין יענע וועלטען, וועלכע דער זשעני באשאפט. ע ר, און ניט דער מענש בכלל, איז די קרוין פון דעם באשאף. פאר איהם און צוליעב איהם איז ווערט צו לעבען אויף דער וועלט.

אט מיט דעם קולט פון דעם העלד, פון דעם זשעניע, — מיט אט דעם רוף צו לעבען אין דעם העלדס וועלטען און צוליעב דעם העלד, — פארלאזט ניטשע די גרעניצען פון שאפענהאוער'ס פילאסאפיע און שטעלט זיך אויף זיינע אייגענע פיס. ער הויבט אן דורכצוברעכען זיין אייגענעם וועג אין דעם פילאסאפישען געדאנק, — א וועג, וואס פיהרט אין דערזעלביגער ריכטונג, אין וועלכער עס זענען פאר איהם געגאנגען נאך אנדערע אפלייקענער פון דער מאסע און פארהימלער פון דעם „העלד": ברונא באוער, קארלייל, עמערסאן.

פארשיידענע געשטאלטען האבען צו פארשיידענע צייטען אנגענומען ניטשע'ס פילאסאפישע אנשויאונגען. אבער דער גלויבען און די ליידענשאפטליכע בענקשאפט נאך ד ע ם ה ע כ ע ר ע ן מ ה ו ת מ ע נ ש, דעם באשאפער פון נייע גייסטיגע וועלטען, וואס יאגט זיך נישט נאך גליק, — אט דער גלויבען איז געבליבען די צענטראל־זון, ארום וועלכער עס האבען זיך געדרעהט אלע זיינע געדאנקען און וועלכער איז אין דער לעצטער צייט פארוואנדעלט געווארען אין דער לעהרע און דער פרעדיגט פון דעם א ו י ב ע ר־ מ ע נ ש ע ן.

2.

ראַדיקאַלער פּאָזיטיוויזם און סקעפּטיציזם.

וואָס מעהר הויפּטגעוויכט ניטשע האָט גענומען לעגען אין זיין געדאַנק אויף די פּ ר י י ד ע ן פון דעם לעבען צוליעב דעם זשעני און אין דעם זשעני'ס וועלטען, אלץ מעהר האָט ער זיך גענומען דערווייטערען פון זיין שאָפּענהאַוער'ן, פון דעם פּעסימיסטישען לעבענס-בליק און דער מעטאַפיזישער אויסטייטשונג פון דער נאַטור בכלל.

די קריטיק פון דער רעליגיע און דעם גלויבען אין גאָט, דער עיקר פון דעם הערשענדען קריסטענטום, מיט איהר ליעבע צו די אָרעמע מאַסען, און מיט איהר רחמנות צו די ליידענדע — אין דעם נאָמען פון „גליק“ — האָט אריינגעפיהרט ניטשע'ן אין דער וועלט פון דעם מאָדערנעם ראַדיקאַלען געדאַנק.

נישט פאַרלירענדיג זיין זעלבסטשטענדיגקייט, פיהלט זיך ניטשע איינס מיט יענע גייסטיגע שטרעמונגען, אין וועלכער דער ראַדיקאַליזם האָט מיט די מיטלען פון דער וויסענשאַפט בכלל און דער נאַטור-וויסענשאַפט בפרט — גענומען אונטערשווענקען די פונדאַמענטען פון דער אַלטער גייסטיגער וועלט.

עס הויבט זיך אָן אַ צווייטער פּעריאָד אין ניטשע'ס לעבען און שאַפען, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט און אנגעהאַלטען ביז צו דעם סוף פון די זיבענציגער און דעם אָנהויב פון די אַכציגער יאָהרען, ה. ה., ביז צו דער צייט פון זיין א י י ג ע נ ע ר פילאָסאָפישער וועלט-אנשויאונג אין דעם „זאַראַטוסטראַ“-פּעריאָד.

פרידריך ניטשע

די שאָפּענהאַוער'שע מעטאַפיזיק ווערט ביי איהם צוריקגע־שטויסען דורך דעם מאָדערנעם פּאָזיטיוויזם, וואָס טראַכט נישט וועגען דעם פאַרבאָרגענעם תּוך פון דער וועלט, נאָר וועגען די ערשיינונגען פון דער וועלט, ווי זיי באַווייזען זיך פאַר אונזערע חושים, פאַר אונזער ערפאַהרונג.

אָבער אויך דאָ געהט ער אַביסעל ווייטער, איידער יענע ריכ־טונג, צו וועלכער ער שטעהט צו. דער פּאָזיטיוויזם פון אַ קאָנט און אַ ספּענסער לאָזט צו די עקזיסטענץ פון וועלט־גרונטען, וועלכע דער שכל קאָן נישט משיג זיין, זאָגט זיך אָבער אָפּ צו רעכענען זיך מיט זיי, ווייל דאָס וואָלט סיי־ווי־סיי געווען אַן אומזיסטע טרחה. אויף אַזאַ'ן אופן בלייבט נאָך דאָגמאַטיש אַ שטיקעלע „יענע וועלט", וואָס שטעהט הינטער דער וועלט, ווען אפילו מיר ווייסען זיכער, אַז מיר קאָנען אין איהר ניט אריינ־דרינגען.

ניטשע איז שטאַרק מסופק, צי עס איז איבער־הויפּט דאָ אַ וועלכער עס איז אַנדער מין זיין, איידער דער, מיט וועלכען מיר ווערען באַקאַנט פון די חושים און אין דער וויסענ־שאַפטליכער ערפאַהרונג.

זיין פּאָזיטיוויזם אין דער וויסענשאַפט ווערט געבויט אויף אַ סקעפּטישען פונדאַמענט. ער צווייפעלט אין יעדער מע־טאַפיזיק, וואָס וויל אונז עפּעס וואָס דערצעהלען פון דער וועלטס פאַרבאָרגענע תּוך'ען. ניטשע וויל אפילו נישט צוגעבען אויף גע־וויס, אַז אַזעלכע פאַרבאָרגענע תּוך'ען זענען דאָ.

דערפאַר פיהלט ער זיך נאָך זיכערער אין דער וועלט פון דער ערפאַהרונג, אין דער וויסענשאַפט. דאָ ווערט ער גלייך אַן ענטוזיאַסטישער אַנהענגער פון דעם דאַרוויניסטישען עוואָלוציאָנס־געדאַנק, הגם ער איז ניט מסכים אין אַלע פּונקטען מיט אַלץ, אין וואָס די דאַרוויניסטען גלויבען.

זיין קינסטלעריש־פּאָעטישער געמיט זוכט אויך דאָ, ווי אַר־מעטום און אַלע מאָל, צו איבערזעצען די געדאַנקען אין געפיהלען

פרידריך ניטשע

און צו שטייגערען די געפיהלען ביז צו דער העכסטער ליידענ־שאפט. דער דארוויניזם באווייזט איהם די אומגעהויערע מאכט פון דעם ל ע ב ע ן אין דער פלאנצליכער און חיה׳שער וועלט, די אומצעהליגע לעבענס־פארמען, — אייגע העכער פאר דער אנ־דערער, — וואס שפרינגען ארויס אין דעם פראצעס פון דער ביא־לאגישער עוואלוציע. ניטשע ווערט בארוישט פון דער ניט איינ־צוצוימענדער וועלט־מאכט, וואס רופט זיך ל ע ב ע ן.

די ארויסווייזונגען פון דער לעבענס־קראפט אין דער נאטור מיט דעם פאר׳עקשנ׳טען אכזר׳ישען קאמף פאר׳ן לעבען, זענען אזוי געוואלטיג, אזוי ג ר ו י ס און ש ע ה ן, אז אויף די שאפענהאוער׳שע גאולה פון דעם וועלט־ווילען, אויף דאס וועלען אנטלויפען פון דעם לעבען אין אויסגעטראכטע מענשליכע עולמות, קוקט ער איצטער, ווי אויף א קינדישע נארישקייט. ניטשע לעבט דא דורך א מין רוסא׳שען „צוריקקעהר צו דער נאטור". וואס קאן זיין שענער און פריידיגער, איידער די רוישענדע פאנטאזנען פון לעבען, וועלכע שלאגען פון אלע זייטען אין דער נאטור, איידער די פיעל־פארביגקייט פון פארמען, וועלכע דער קאמף פאר׳ן לעבען ברענגט ארויס!

אנשטאט דער שאפענהאוער׳שער גאולה־מיסטיק ווערט איצ־טער ביי ניטשע׳ן געבוירען אן אנדער אידעאלער פרינציפ, מיט וועלכען ער מעסט אפ די עקזיסטירענדע קולטור און מיט וועלכען ער וויל ארויסברענגען דאס העכסטע גוט פאר דעם מענשענס לע־בען אויף דער וועלט. אט דעם פרינציפ קאן מען אנרופען: „דאס לעבען אין פריידיגען קאמף פאר׳ן לעבען."

אויב ער האט פריהער געזעהן אין די העכערע עולמות א מקום מקלט פאר דעם מענשען, וואוהין ער אנטלויפט און באפרייט זיך פון דעם בלינדען וועלט־ווילען צום לעבען, דערבליקט ער איצטער אין זיי ניט מעהר, ווי א פ א ר ה ו י ק ע ר ו נ ג פון דער נא־טור, פון א י ה ר פרייען שאפען, וואס לעגט ניט ארויף קיין שום צוימען אויף דעם יחיד.

פרידריך ניטשע

אין דער נאטור זעהט איצטער ניטשע אן אנגעשטרענגטען פרייען קאמף פון לעבעדיגע ברואים פאר א פולען לעבען מיט אלע חושים און איברים, ניט איינגעצאמט דורך זיינע געזעצען און מנהגים, דורך קיינע „מאראלישע“ פארשריפטען.

דער *עגאאיזם* איז די טרייבענדע קראפט אין יעדען נאטירליכען געשעהען; דער עגאאיזם איז אין דער לעצטער שורה אויך יענער וועלט־פרינציפ וואס ברענגט ארויס די העכסטע פארמען פון דער ביאלאגישער עוואלוציע. די „מאראל“ און דערהויפט די *קריסטליכע* מאראל, וואס בויט אלע איהרע אידעאלען אויף דעם „ואהבת“, אויף דער *ליעבע* צו די מיטמענשען, איז דעריבער פאר איהם א קלארע אפלייקענונג פון אלע נאטירליכע יסודות פון דער וועלט, א *פארברעכען אנטקעגען דער נאטור*. אט די אפלייקענונג און אט דער פארברעכען אנטקעגען דער נאטור שטאמען *ניט* פון א העכערער דערקענטניש וועגען דעם מהות פון דעם וועלט־ווילען, נאר פונקט פארקערט: פון אן *אפגעשוואכטען* ווילען, פון אן אויסגעברענטען לעבען, *וואס האלט ביים פארלאשען ווערען*. עס מוז — גלויבט ניטשע — געפיהרט ווערען דער העפטיגסטער קאמף אנטקעגען דעם קריסטענטום און דער „מענשען־ליעבע“ אין דעם נאמען פון דעם עגאאיזם, וואס איז אליין בארעכטיגט צו זיצען אויף יענעם טראן, וועלכען דער קריסטענטום האט פארנומען: ווייל דער עגאאיזם איז דער אויסדרוק פון דעם לעבענסדראנג, אומעטום וואו עס טליעט נאך א פונק פון איהם.

די רעהאביליטירונג פון דעם עגאאיזם, וואס איז אלע מאל, אין אלע מאראלישע סיסטעמען באטראכט געווארען ווי דער גרונדפרינציפ פון אל־דאס בייז, ברענגט ניטשע'ן צונויף מיט א דענקער, וואס איז אין אט דער צייט כמעט אקוראט אזוי גרינטליך פארגעסען און פארשוואונדען געווארען פון דעם גייסטיגען האריזאנט, ווי פריהער שאפענהאוער.

דער דענקער, וועמען מיר האבען דא אין זין, איז יאהאן קאמ־

פרידריך ניטשע

פאר שמידט, וואס האט אונטער דעם פסעוודאנים מ א ק ס ש ט י ר נ ע ר, פארעפענטליכט אין דעם יאהר 1844 זיין שפעטער ווידער באריהמט געווארענעם בוך: „דער איינציגער און זיין איינענטום“.

שטירנער האט מיט א דרייסיג יאהר איידער ניטשע גענומען אפשיסען זיינע פיילען אין אלע אידעאלען פון מענשען־ליעבע, ניט נאר די רעליגיעזע, נאר אפילו די ריין־אפיקורסישע און אטעאיסטישע, ווי די, וועלכע עס האבען אין זיין צייט געפרעדיגט א לודוויג פייערבאך און דער דאמאלט הערשענדער, פאר־מארקסיסטישער סאציאליזם. שטירנער איז אויך דער ערשטער, וואס האט ערנסט פאנאנדער־געוויקעלט די פאהן פון דעם עגאאיזם, ווי דעם איינציגען פרינציפ, וואס דארף באהערשען אלע מענשליכע האנדלונגען. אין די אזוי אנגערופענע אידעאלען פון דער מענשהייט און אין דער מסירת נפש צוליעב זיי, אנגעהויבען מיט די רעליגיעזע און געענדיגט מיט די מאראלישע און סאציאליסטישע, האט שטירנער געזעהן נאר „געשפענסטער“, נאר „קינדערייען“, ד. ה., פאראירונגען פון דעם מענשליכען שכל, וואס איז נאך נישט דערוואקסען צו א קלארען איינזעהען אין דעם אמת'ען מהות פון דער זאך. אט די אלע געשפענסטער און קינדערייען, וואס אין זייער נאמען, וויל מען אנטאן די אדער יענע קייטען אויף דעם פרייען מענשען, מוזען אפגעשאפט ווערען, כדי דער מענשליכער עגאאיזם זאל זיך קאנען אומגעשטערט אויסלעבען.

ניטשע שטימט צונויף מיט שטירנער'ס גרונט־געדאנקען אין דעם פרט. ער מאדיפיצירט זיי אבער און פארטיפט זיי אין אסך פונקטען.

שטירנער האט ניט גענוג טיף ארייגעבליקט אין יענעם פראצעס, וואס האט ביי דער מענשהייט ארויסגערופען, די „געשפענסטער“ און „קינדערייען“. אלץ וואס ער קאן אונז דערצעהלען וועגען דעם, שעפט זיך אוים מיט דעם מאגערען באמערק, אז זיי זענען א פראדוקט פון — אזוי־צו־זאגען — ט ע ו ת ' ע ן א י ן

פרידריך ניטשע

פ ש ט, גרייזען פון דעם מענשענס שכל. זיין שארפען אנאליז און גלענצענדע שעהנרעדנעריי ווענדט שטירנער אן, כדי צו באַווייזען, ווי אזוי דער אויסגעוואקסענער, באפרייטער שכל טרייסעלט פון זיך אראפ דעם גאנצען כשוף פון אלע אלטע „רוחות" אין דער פילאסאפיע, דער פאליטיק און דער מאראל, און רייסט זיך ארויס פון יענע פיעל־פארפלאנטערטע נעצען, אין וועלכער ער איז ביז אהער געלעגען א געפאנגענער.

ניטשע קאן זיך מיט אזא ריין־ראציאנאליסטישען אופן, ווי צו דערקלערען און באקעמפען זיין הויפט־געגנער דעם מאראלישען אלטרואיזם, ניט באנוגענען. עס ציהט איהם אריינצוטראכטען זיך אין די טיפערע פסיכאלאגישע מאמענטען, וואס האבען ארויסגעבראכט יענע „רוחות" און זייער צויבער אויף דער מענשליכער נשמה. דערביי ווייזט ניטשע ארויס אן אויסערגעוועהנליכע פארשטענדעניש פאר דער מענשליכער נאטור — און נאך מעהר — פאר יענע פארבארגענע, האלב־אומבאוואוסטע פסיכאלאגישע פראצעסען, מיט וועלכע דער מענש שמועסט זיך אליין איין, ער זאל אנהויבען גלויבען אין עפעס אזוינס, וואס געהט אויף דעם ערשטען בליק להיפך צו זיינע אייגענע אינטערעסען און זיין אייגענער נאטור.

דורכדעם איז ניטשע געווארען דער פ ס י כ א ל א ג י ש ע ר דערקלערער פון דעם גייסטיגען שאפונגס־פראצעס, וואס איז פארגעקומען אין דער רעליגיע, דער מאראל און דער פילאסאפיע. ער האט אויף אזא'ן אופן צונויפגעזאמעלט א רייכען מאטעריאל און באפעסטיגט וויכטיגע שטאנד־פונקטען, וואס געהען איצטער אריין אין דער מאדערנער וועלט־אנשויאונג. קודם האט ער באוויזען, אז הינטער דעם פשט פון יענע געדאנקען, וואס ווערען געפרעדיגט אין די העכערע עולמות פון דער מענשליכער קולטור, שטעקען פארבארגענע, ניט ארויסגעזאגטע ה י נ ט ע ר־געדאנקען, וואס זענען דער אמת'ער פירוש אויף דעם טעקסט.

אין די קלארע געדאנקען טרעטען פאר אונז ארויס גייסטיגע

בנינים, וואס האבען — דוכט זיך — זייער צוועק און זין אין זיך גופא. זיי זענען אויפגעשטעלט פון ריינע קלארע לאגישע ארגו־מענטען, וואס שטיצען איינע די אנדערע און וואס ווערען אלע געבויט אויף א וועלכער עס איז ערפאהרונג פון דער ווירקליכקייט, אדער אויף א וועלכען עס איז אין זיך קלארען און ריכטיגען גע־דאנק: גייסטיגע, אידעאלע וועלטען פון ריינעם שכל אדער ריינעם יושר, אהן א ברעקעל עגאאיסטישער פאראינטערעסירטקיים.

טראכט מען זיך אבער טיפער אריין אין דער צייט, וואס האט זיי ארויסגעבראכט, אין די מענשען, וואס האבען זיי באשאפען, אזוי אנטפלעקען זיך פאר אונז טונקעלע אינסטינקטען, עגאאיס־טישע אינטערעסען, גלוטיגע לעבענס־פארלאנגען, וואס ווירקען האלב אדער גאנץ אומבאוואוסט און דיקטירען די כלומרשט אידעאליס־טישע, אהן פניות'דיגע וועלטען פון ריינעם שכל און ריינעם יושר.

יענע „געשפענסטער" — ווי שטירנער רופט זיי — וואס הא־בען פארטונקעלט די מענשליכע מוחות און זיי געמאכט אפשפענס־טיג פון דעם נאטירליכען עגאאיזם, זענען אליין, — האט געלערענט ניטשע, — א פראדוקט פון דעם נאטירליכען עגאאיזם און דעם גלוטיגען לעבענס־דארשט, וואס איז פארשיידען ביי פארשיידענע מענשען לויט די אומשטענדען, אין וועלכע זיי לעבען, און לויט דעם בלוט, וואס פליסט אין זייערע אדערען.

באזונדערס וויכטיג פאר דעם „ניטשעאניזם" איז געווען זיין פסיכאלאגישע קריטיק פון יענע אידעאלען און פרינציפען, וואס הערשען אין דער מאראל, אין דער אפשעצונג פון אלע לעבענס־ערשיינונגען, לפחות מ ע נ ש ל י כ ע לעבענס־ערשיינונגען, לויט דעם מאסשטאב פון „גוט" און „בייז", אדער „טוב" און „רע".

אין איינעם מיט א בענטהאם, א מיל, און נאך אנדערע פא־זיטיוויסטען און עמפיריקער, לייקענט ניטשע, אז אונזערע מארא־לישע באגריפען זאלען קאנען אפשטאמען פון א וועלכען עס איז איבערוועלטליכען גאט, — ווענעם עקזיסטענץ ער לייקענט לגמרי,

פ ר י ד ר י ך   נ י ט ש ע

— אדער פון א וועלכער עס איז מעטאפיזישער סובסטאנץ, וואס בלאזט אריין אין אונזער נשמה איידעלע געפיהלען.

דער ווארצעל פון אלע אונזערע מאראלישע געפיהלען און באגריפען איז דער ע ג א א י ס ט י ש ע ר   נ ו צ ע ן. ביז אט צו דעם רעזולטאט געהט ניטשע אין איינעם מיט די א ו ט י ל י ט א ר י ס ט ע ן. אבער דא שיידען זיך פאנאנדער זייערע וועגען, און ניטשע אנטוויקעלט זיינע אייגענע „אפיקורסישע“, „אנטי־מאראלישע“ געדאנקען, וואס וואלטען אפגעשראקען יעדען עהרליכען, גוט־מיינענדען פאזיטיוויסט.

ניט האבענדיג קיין ברעקעל באגריף וועגען קארל מארקס, און זיין קלאסען־קאמף־טעאריע אין דער געשיכטע, אנטפלעקט ניטשע אין דער געשיכטע פון דער מאראל די ווירקונג פון א טיף־ליגענדען ק ל א ס ע ן ־ ק א מ ף. אין דער מענשליכער מאראל שפילט זיך אפ א קאמף פון צוויי פארשיידענע מאראלישע וועלט־אנשויאונגען: די אנשויאונגען און די ווערט־שעצונגען פון די פרייע שטאלצע „הארען“ און די אנשויאונגען און ווערט־שעצונגען פון די אונטעריאכטע „שקלאווען“.

הארען־מאראל און שקלאווען־מאראל שליסען אוים איינע די אנדערע. וואס אין איין סיסטעם ווערט פאררעכענט פאר „גוט“, „איידעל“, „חשוב“, ווערט אין דעם אנדערען סיסטעם פאררעכענט פאר „שלעכט“ (בייז, „רע“), „געמיין“, „שפל“.

אין אנהויב איז די מאראל געווען נ א ר א הארען־מאראל. „איידעל“ האט געהייסען נאר דאס וואס פאסט פאר אן איידעל־געבוירענעם, ד. ה. פאר א מיטגליעד פון דעם הערשענדען א ד ע ל; „געמיין“ האט נאר באדייט דאס, וואס שיקט זיך פאר דעם פשוט'ען המון. דאס ווארט „שלעכט“ גופא האט פריהער געהאט דעם טייטש פון „שליכט“, ד. ה. פ ש ו ט. „גוט“ און „שלעכט“ האט אין דעם אנהויב פון דער מאראלישער אנטוויקלונג באטייט דעם געזעלשאפטליכען ר א נ ג און י ח ו ס. „גוט“ איז דאס, וואס פאסט פאר די הערשענדע, וואס פיהרט צו הערשאפט, און

„שלעכט" איז דאָס, וואָס שיקט זיך פאַר דעם פּשוט'ען באַהערשטען המון־עם, און וואָס איז פאַרבונדען מיט הכנעה און קנעכטשאַפט.

מיט די קלאַסען־איינטיילונג און קלאַסען־אָפּשאַצונג פון מעלות און חסרונות, לויט דעם י ח ו ס, לויט דער אָפּשטאַמונג פון הויך־געשטעלטע און נידעריג־געשטעלטע אויף דער געזעלשאַפט־ליכער שטופען־לייטער, האָט, נאָך ניטשע'ס מיינונג, ערשט אַרויס־געבראַכט די מ אָ ר אַ ל י ש ע ווערט־שעצונג, די איינטיילונג אין „טוגענדען" און „לאַסטער", לויט אַ ריין מאָראַלישען „הויך" און „נידעריג".

מאָראַליש הויך, לויבענסווערט און חשוב זענען געווען אַלע מעלות, וואָס האָבען באַצירט דעם הערשענדען שטאַנד: פיזישע גבורה, העלדישקייט, אומדערשראָקענקייט אין קריג, רייכטום, מאַכט און געוואַלט איבער די מאַסען. קיין פונק פון רחמנות, פון ליעבע צו די מאַסען און דעם „שכן", קיין פונק פון „י ו ש ר" און רעספּעקט פאַר דעם אַנדערענס רעכט איז ניט אריין אין די ערשטע אידעאַלען פון „גוט", פּשוט דערפאַר, ווייל דאָס וואָלט זיך ניט געלוינט פאַר די לעבענס־אינטערעסען פון די הערשענדע.

ווי אַזוי האָט זיך דען די גאַנצע מאָראַלישע וועלט־אַנשויאונג איבערגעביטען? ווי אַזוי איז ד אָ ס, וואָס איז אין עצם געווען „גוט" פאַר די הערשענדע, פאַרשריען געוואָרען פון דעם עפענט־ליכען באַוואוסטזיין, ווי אַ „[illegible]מער", ווי אַ „געמיינהייט", פאַר וועלכער יעדער דאַרף זיך שעמען?

געקומען איז דאָס דערפון, וואָס די אויבערהאַנט אין דעם עפענטליכען באַוואוסטזיין האָט געוואונען די מאָראַל פון די שקלאַ־ווען, פון דעם המון־עם, פון די שוואַכע.

דער שקלאַווישער המון, וואָס האָט געליטען פון דעם הער־שענדען קלאַס, האָט פאַרשטעהט זיך, געהאַט גאַנץ אַנדערע באַגרי־פען וועגען גוט און שלעכט. ער האָט געליטען און געוואַלט, מען זאָל מיט איהם מ י ט ־ליידען, רחמנות האָבען אויף איהם, — איז רחמנות־האָבען געוואָרען פאַר איהם אַ הויכע, לויבענסווערטע

מדה. ער איז געווען שוואך, האָט ניט געהאַט אין זיך ניט קיין קראַפט, ניט קיין מוט אוועקצושטעלען זיך אין אָפענעם קאַמף אנטקעגען זיינע באַדריקער, האָט ער גענומען פּיהלען, אַז באַדריקען איינעם איז אַן עולה, אַז דער „יושר" פאָדערט, אַלע זאָלען זיין גלייך; האָט ער אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז אַלע ז ע נ ע ן פון געבורט גלייך. ער האָט געפיהלט, אַז ער מ ו ז ליידען פון דעם שטאַרקערען, האָט ער זיך געטרויסט מיט דעם מאָראַלישען גלויבען, אַז אין תוך אַריין איז ער אַ חשוב׳ערער מענש, איידער דער שלעכטער געוואַלט־מענש און באַדריקער, ווייל אומרעכט ליידען איז אסך אַ העכערע און מאָראַליש שענערע מדרגה, איידער אומרעכט טאָן.

און ווען אַט דער געבראָכענער, שוואַכער, פּחדנ׳ישער און שקלאַווישער המון האָט איינגעזעהן, אַז אויף ד ע ר וועלט איז ניטאָ פאַר איהם קיין האָפנונג אויף באַפרייאונג, האָט ער אויפגעבויט זיין האָפנונג אויף דעם גלויבען אין אַ י ע נ ע ר וועלט, מיט אַ גערעכטען משפט פאַר די צדיקים און די רשעים, מיט אַ גערעכטען גאָט, וואָס האָט ל י ע ב די אָרעמע, די קראַנקהאַפטע, ליידענדע, געבראָכענע, אונטערטעניגע, וואָס וועט זיי ב אַ ל ו י־ נ ע ן פאַר זייערע ליידען, ווי ער וועט באַשטראָפען די „רשעים" מיט דעם שרעקליכסטען גיהנום.

אויף אַזאַ׳ן אופן איז אויסגעוואַקסען די „שקלאַווען־מאָראַל" פון מענשען־ליעבע, יושר און רחמנות; פון ליידען, פּייניגונגען און אָפּטויטען דעם גוף, וואָס האָט געגעבען דעם גרויסען המון די פּסי־כאָלאָגישע מעגליכקייט צו ל ע ב ע ן אויף דער וועלט און גע־דולדיג אַריבערצוטראָגען זיינע ליידען.

דער רעליגיעזער גלויבען, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף דעם המון און האָט זיך געמוזט רעכענען מיט זיינע געדאַנקען און האָפ־נונגען, האָט די מאָראַל פון דעם המון־עם אויפגעהויבען צו דער מדרגה פון דער הערשענדער מאָראַל, אונטער וועלכער אויך דער שטאָלצער, פרייער הערשענדער האָט געמוזט בויגען זיין קאָפּ.—

פרידריך ניטשע

אויב ניט אין דעם ווירקליכען לעבען, איז לפחות אין די טיפע־נישען פון זיין מאראלישען געוויסען, וואס איז פאר'סם'ט געוואָרען, פארקרענקעלט געוואָרען דורך דער פסיכאָלאָגיע פון דעם לייַדענדען, שוואכען פחדן.

ניטשע'ס פסיכאָלאָגישער אנאַליז פון דער מאראל־געשיכטע, וואס דערקלערט די פארשיידענקייט פון די מאראַלישע באגריפען דורך די פארשיידענקייט פון דער ל ע ב ע נ ס - לאגע, פון דער ק ל א ס ע ן - לאגע ביי די, וואס באשאפען דעם אדער יענעם מאראלישען מאס־שטאָק, קלינגט גאנץ געוויס זעהר מארקסיסטיש. מארקסיסטיש איז ניטשע איז אויך די איבערצייגונג, אז ווייל די מאראל, ד. ה. די איינטיילונג פון האנדלונגען, שטרעבונגען און אייגענשאפטען אין „טוב" און „רע", — איז א פראדוקט פון אזא אפשטאם, האט זי א י ן ז י ך קיין ברעקעל ממשות ניט; איז זי נישט מעהר, ווי א שעדליכע אויסטראכטעכץ, פון וועלכער יעדער בר־דעת דארף זיך באפרייען.

פונדעסטוועגען איז ניטשע אויך אין זיין „קלאסען־טעאריע" זעהר ווייט פון דעם מארקסיזם. דער אונטערשייד צווישען ניטשע און מארקס באשטעהט דא אין דעם, וואס פאר ניטשע'ן איז די קלאסען־איינטיילונג פון הערשער און באהערשטע ניט קיין פראַדוקט פון ריין ע ק א נ א מ י ש ע פראצעסען. ניטשע האט איבערהויפט ניט געהאט קיין ברעקעל חוש פאר עקאנאמישע פראַגען און פראבלעמען, און אין דעם פרט האט ער זיך קיינמאל ניט ארויסגעריסען פון יענער טיפער עם־הארצות, וואס האט געהערשט ביי דעם געוועהנליכען געבילדעטען בורזשוא פון זיין צייט.

אנשטאט די עקאנאמישע פראצעסען מיט זייער קלאסען־קאמף זענען פאר איהם אין דעם פאדערגרונט געשטאנען די צונויפשטויסען פון פעלקער און זייער ר א ס ע ן - ק א מ פ. א שטארקערע, ה ע כ ע ר ע ראסע באזיגט די שוואכערע, די נידעריגערע, און ווערט איהר הערשענדער קלאס. און אויב דאס קומט פאר אין די

גרעניצען פון איין פאָלק, איז יעמאָלט ווערען די שטאַרקערע הע־בערע אינדיווידועז מיט דעם באַפעהלענדען הערשער־בלוט אין די אדערען. די באַלעבאַטים איבער די שוואַכע פּחדנים. זיי צווינגען ארויף אויף זיי זייער הערשאַפט און באַשאַפען א יחוס־שטאַנד, וואָס ברענגט ארויס גאַנצע דורות מיט איידעלע בלוט אין די אדערען.

אט דער איידעלער שטאַנד האָט דאָס ארויסגעבראַכט די „הערען־מאַראַל" פון העלדישקייט, נצחון און גבורה, וואָס איז אזוי נאָהנט צו די געבאָטען פון דער נאַטור. עס פאַרשטעהט זיך, אז ניטשע'ס גאַנצע סימפּאַטיעס זענען אויף דער זייט פון די „הע־רען"־מענשען און דער „הערען־מאַראַל", בעת די סימפּאַטיע פון קאַרל מאַרקס איז איינגאַנצען געווען אויף דער זייט פון די דעמאָ־קראַטישע מאַסען. דער אריסטאָקראַטישער גרונט־שטריך אין ני־טשע'ס אנשויאונגען, דער סם פון דעם פּוילישען „פּאַן", וואָס האָט געשטעקט אין זיין בלוט, פון וועלכען ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט באַפרייען אינגאַנצען, האָט איהם אויך געטריבען, זיך ראַ־דיקאַל פאַנאַנדערצוגעהן מיט דער פּאָזיטיוויסטיש־אוטיליטאַרישער שולע בנוגע די קאָנסעקווענצען פון דער עגאָאיסטישער נוצען־טעאָריע פאַר דער מענשליכער מאַראַל.

די אוטיליטאַריסטען האָבען געגלויבט, אז אין דעם יסוד פון יעדער מענשליכער נשמה, ווי פון יעדער לעבעדיגער בריאה, ליגט א שטרעבען צו גליק. און גליק האָבען זיי זיך פאָרגעשטעלט, ווי א סכום פון תענוגים און הנאות. שטרעבען צו הנאות און אויסמיידען ליידען, — אָט דאָס איז פאַר זיי געווען די גרונט־טענדענץ פון יעדען לעבען. ארויסגעהענדיג אָט פון דעם שטאַנד־פּונקט, — וואָס איז נאָך עד היום דער הערשענדער אין דער מאָ־דערנער וועלט־אנשויאונג, — האָבען זיי אין דער פּאָזיטיוויסטי־שער פילאָזאָפיע ארויסגעבראַכט דעם מאַראַל־פּרינציפּ פון דעם „גרעסט־מעגליכען גליק פאַר דער גרעסט־מעגליכער צאָהל פון מענשען."

פרידריך ניטשע

ניטשע באקעמפט אַט דעם מאַראַלישען פּרינציפּ, און איז פיינדליך צו יעדער ריכטונג, וואָס שטעלט זיך איין פאַר די אינטערעסען פון דעם „רבים", פון דער מאַיאָריטעט. ער לייקענט לחלוטין אַפּ דעם ביאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישען פונדאַמענט פון יענער טעאָריע. לויט ניטשע'ס העכסט אָריגינעלער און טיפער מיינונג, איז דאָס לעבען ניט פאַרבונדען מיט אַ שטרעבען צו גליק, מיט אַן אַנטלויפען פון יסורים און לײַדען. דאָס שטרעבען פון לעבען איז — לעבען אין פרייד אָדער לייד. דאָס לעבען שטעלט זיך ניט קיין ציל — צו האָבען וואָס מעהר הנאות און וואָס מעהר אויסצומיידען יסורים. דאָס לעבען וויל קאַמף, ארויסברענגונג פון קראַפט און גבורה, פון נצחונות. יסורים זענען דעריבער — נאָך זיין מיינונג נאָך — אַן אַבּסאָלוט נויטווענדיגער עלעמענט אין דעם לעבען. די יסורים טרייבען איינעם צום קאַמף, שאַרפען דעם ווילען צו נצחון, פאַרשטאַרקען די אימפּולסען צום לעבען און מאַכען רייכער זיין אינהאַלט. באַזונדערס מערקווירדיג זענען יענע פּסיכאָלאָגישע אַנאַליזען ניטשע'ס, וואו ער זוכט צו באַווייזען, אַז אין די ליידען גופא שטעקט פאַרבאָרגען אַן עלעמענט פון לײַדענשאַפטליכער לוסט.

אַט דער קאַמף מיט די יסורים, וואָס לערענט איינעם אויס־צושמידען זיין ווילען הארט ווי שטאָל, איז דער וויכטיגסטער זין פון דעם לעבען. די העכסטע לוסט אין דעם לעבען איז די לוסט פון דעם נצחון איבער די יסורים, די לוסט פון באַשאַפען לעבען אין דעם אַנגעשטרענגטעסטען קאַמף אַנטקעגען אַלע שטערענדע עלעמענטען.

אַפּשאַפען יסורים וואָלט דעריבער געהייסען אַפּשטעלען די טרייב־קראַפט פון דעם גאַנצען ביאָלאָגישען פּראָגרעס אין דער אַנימאַלישער וועלט. עס וואָלט געהייסען אוועקרויבען ביי דעם לעבען די העכסטע לוסט־מאָמענטען, וואָס ער פאַרמאָגט, — די לוסט פון דעם פריידיגען טריאומף איבער די אַפּגרונטען פון ליי־

דען. ס'איז אמת, אז ניט אַלע זענען מסוגל צו שטיינער! אין זיך גופא די לעבענס-אימפּולסען ביז צו אַזא הויכער מדרגה פון גבורה, פון פרייד אין יסורים. אבער צו אַט דער מדרגה שטרעבט דאַס לעבען. עס וויל דורכגעהן די פייער-פּראָבע פון ליידען, און די וואָס קאָנען ניט אויסהאַלטען אַזאַ פייער-פּראָבע, זאָלען געהן צו גרונט, ווי עס געהען לאבוד אין דער נאַטור מיליאָנען און מיליאָנען פון לעבעדיגע וועזענס, וועלכע קאָנען ניט אויסהאַלטען דעם קאַמף פאַר'ן זיין. זיי געהען לאבוד און עס דערהאַלטען זיך ביים לעבען נאָר די אויסדערוועהלטע, די שטאַרקערע; נאָר זיי ווערען די טרעגער פון אַ העכערען דור, פון אַ העכערער קרעפטיגערער ראַסע.

דערפון איז ממילא געדרונגען, אַז די רחמנות-מאָראַל, אָדער אויך די אוטיליטאַריסטישע מאָראַל, וואָס וויל העלפען דער ליי־דענדער מאַיאָריטעט, באַזאָרגען זי מיט „גליק", ד. ה. באַשיצען זי פון דער פייער-פּראָבע, אין וועלכער עס דאַרפען זיך אויסלייטערען די אויסדערוועהלטע, די באַשאַפער פון דער העכערער, שטאַרקע־רער ראַסע, — אַז אַט די רחמנות-מאָראַל איז אַ רעאַקציאָנערע מאַכט, וואָס געהט להיפך צו דעם פּראָגרעס אין דער נאַטור. זי שטעלט אַפּ יעדע אַנטוויקלונג און העכער-בילדונג פון דער מענש־ליכער ראַסע און ברענגט אַרויס אַ פאַרעווען לעבען פון ווערים, וואָס ווידמען זיך אין מיסט און זענען „גליקליך" אין זייער מיסט, — אַ לעבען אָהן קאַמף און אָהן שאַפען.

זאָלען די מיליאָנען, די „פיעל-צו-פיעלע" געהן צו גרונט אין זייערע ליידען, כדי אין אַט דעם שטענדיגען קאַמף-פּראָצעס זאָלען זיך קאָנען אויסבילדען די העכערע נאַטורען און עס זאָלען באַ־שאַפען ווערען יענע בעסערע ווערק, וואָס די העכערע נאַטורען ברענגען אַרויס!

אַזאַ לעהרע איז געוויס אוממאָראַליש און פּאַטשט אין פּנים אַלע באַגריפען פון „גוט" און „שלעכט", וואָס מען האָט געלערענט ביז אַהער. אָבער די מאָראַל, ווי די רעליגיע, זענען — לויט ני־

פרידריך ניטשע

טשע — דער ערגסטער סם, וואס פארגיפטעט די גאנצע מאדערנע קולטור, און קודם כל דארף מען זיך באפרייען פון אט דעם סם.

דעמזעלביגען וואונדערבארען מוט, מיט וועלכען ניטשע טרייסעלט פאנאנדער די יסודות פון דער מאדערנער מאראל, ווייזט ער אויך ארויס אין זיין קריטיק פון אלע אנדערע יסודות פון אונזער קולטורעלען לעבען און פון דעם הערשענדען פילאזאפישען געדאנק. ניט נאר די רעליגיע און די מעטאפיזיק, נאר אויך די געהייליגטע זיילען פון שטאאט און רעכט, פון דעם פאמיליען־לעבען און דעם אייגענטום, פון ליעבע צו דעם פאטערלאנד און פון דעם נאציאנאליזם ווערען אנגעגריפען מיט דערזעלביגער שארפקייט, מיט וועלכער ער פיהרט זיין קאמף אנטקעגען דער מאראל.

אומטעום זוכט ער אפצודעקען יענע פסיכאלאגישע מאמענטען, וואס האבען ארויסגעבראכט אט די אלע „הייליגטימער"; אומעטום ווייזט ער אויף אויף דעם עגאאיסטישען לעבענס־טריב, וואס ליגט אין זייער יסוד און אומעטום ווייזט ער אויך אויף, ווי אזוי און פארוואס יענע פונדאמענטאלע לעבענס־טריבען זענען פארהויקערט געווארען אין דער מענשליכער קולטור.

באזונדערס ווערטפול פאר דער ווייטערדיגער אנטוויקלונג פון זיין פילאסאפיע, ווי אויך פאר דעם מאדערנעם געדאנק, איז *ניטשע'ס קריטיק פון דער מעטאפיזיק און פון דער טעארעטישער שכל'דיגער דערקענטניש בכלל.*

ניטשע שליסט זיך דא אן אן יענע ריכטונגען, וואס זעצען אראפ דעם ווערט, וועלכען דער מענשליכער *שכל* האט פאר דער טעארעטישער דערקענטניש. דאס איז קיין חדוש ניט ביי א דענקער, וואס איז אויפגעצויגען געווארען אויף דער שאפענהאוער'ישער פילאסאפיע, אין וועלכער דער מענשליכער שכל מיט אלע זיינע אמת'ען, איז נישט מעהר, ווי א געצייג אין די הענט פון דעם בלינדען, ד. ה. ניט שכל'דיגען וועלט־ווילען.

אריגינעל איז דא ניטשע'ס דערקלערונג, פון וואנען עס האבען

זיך גענומען יענע „אייביגע געזעצען", וואס זיינען א „מוז" פאר דעם מענשליכען שכל און פאר דער מענשליכער דערקענטניש. יעדער מענשליכער שכל גלויבט, אז עס איז דא א רוים, א וועלט־ח ל ל, אין וועלכען עס געפינען זיך אלע זאכען, א ס ו ב ס־ט א נ ץ, וואס פילט אוים דעם חלל, א צ י י ט, אין וועלכער עס שפילען זיך אפ אלע פראצעסען פון דער וועלט, א ק א ו ז א־ל י ט ע ט, וואס מאכט, אז יעדע זאך זאל מוזען האבען איהר אורזאך. יעדער מענשליכער שכל גלויבט, אז די אלע זאכען געפינען זיך דרויסען פון איהם אין דער נאטור גופא, און אז דער שכל, אדער די מענשליכע דערקענטניש בכלל, געפינט נאר אוים די דאזיגע זאכען, ווי זיי זענען אין דער נאטור.

שוין קאנט האט אבער איינגעזעהן, אז דאס, וואס דער שכל זעהט א י ן דער נאטור, איז אין תוך אריין ניט קיין אנדער זאך, ווי דעם שכל'ס אייגענע געדאנקען, וועלכע ער ברענגט ארוים פון זיך גופא, לויט זיין אייגענער טבע, — א י י ב י ג ע אומפארענדערליכע געדאנקען, ווייל זיי שטאמען פון זיין אייביגער אומפארענדערליכער טבע.

ניטשע שטימט איין מיט דעם א נ ט ר א פ א ל א ג י ש ע ן ס ו ב י ע ק ט י ו ו י ז ם, וואס ליגט אין קאנט'ס סיסטעם. ער זאגט זיך אבער אפ פון דער מעטאפיזישער אויסטייטשונג, וואס ער האט באקומען ביי קאנט'ען. עס איז ניטא, זאגט ער, קיין אייביגע אומפארענדערליכע נאטור פון דעם מענשליכען שכל. די געזעצען פון דעם מענשליכען פארשטאנד, זענען ניט קיין נ ו י ט־ו ו ע נ ד י ג ע אומפארענדערליכע אויסדרוקען פון דער מענשליכער טבע; זיי זענען נאר צ ו פ ע ל י ג ע ס ב ר ו ת, וואס דער מענש האט ארויסגעבראכט, כדי צו קאנען פראקטיש באהערשען די נאטור: סוביעקטיווע מענשליכע סברות, וואס האבען זיך ארויסגעוויזען פאר פ ר א ק ט י ש נ י צ ל י ך און האבען זיך דעריבער, אזוי צו זאגען, איינגעגעסען אין אונזער פלייש און בלוט, און געהען איבער בירושה פון דור צו דור.

פרידריך ניטשע

וועלכע אבסאָלוטע אמת'ען קאָן מען דעריבער ארויסזאָגן וועגען דער נאַטור? — וואַרפען מיר אראָפּ פון חשבון אלץ, וואָס אונזער שכל טראַכט אויס, כדי אריינצוברענגען אָרדנונג אין דער נאַטור, יעמאָלט בלייבט נאָר איין איינציגער „אמת": עס איז דאָ דרויסען פון אונז א כ אָ אָ ס פון איינצעלנע שפּירונגען, פאַרביגע פּונקטען, קלאַנגען, גערוכען, לוסט-מאָמענטען, וועהטאָגען, און אזוי ווייטער, און אַט דער כאָאָס טראָגט זיך אַרום ווי א ווירבעלווינט אָהן א וועלכען עס איז סדר; לפּחות, קאָן קיין מענשליכער שכל ניט אויסגעפינען דעם סדר, וואָס הערשט אין דער נאַטור, אויב דאָרטען איז דאָ אזאַ מין זאַך, ווי אָרדנונג און געזעצמעסיגקייט.

אלץ, וואָס דער מענש רעכענט, אז דאָס „מ ו ז" זיין אין דער נאַטור, איז אפשר גאָר א זאַך, וואָס קאָן אין איהר ניט געמאָלט זיין, און צוריק: אלץ, וואָס דער מענשליכער שכל האַלט, אז דאָס קאָן אין דער נאַטור ניט געמאָלט זיין, איז דאָרטען אפשר א שטענדיגער פאַקט. מיר זענען זיכער, צ. ב., אז עס קאָן ניט געמאָלט זיין קיין אינעווענינגסטער ווידערשפּרוך אין דער נאַטור; אז עס קאָן ניט זיין, עפּעס א זאַך זאָל יאָ-זיין און ניט-זיין אין איין און דערזעלביגער צייט. אָבער אויך אַט דער כלל גדול פון דער מענשליכער לאָגיק, אויף וועלכען עס האַלט זיך די גאַנצע טעאָרעטישע דערקענטעניש, איז ניט קיין אמת פאַר דער נאַטור, נאָר א מענשליכע ס ב ר ה און אפשר גאָר א מענשליכע אומפעהיגקייט צו דענקען א ווידערשפּרוך.

אין זיין קריטיק פון דער מענשליכער דערקענטניש דעררעדט זיך ניטשע כמעט ביז צו יענע דריי ניהיליסטישע כללים, וואָס דער סאָפיסט ג אָ ר ג י א ס האָט אמאָל אויפגעשטעלט אין דער אַלטגריכישער פילאָסאָפיע: „עס איז גאָרנישט ניטאָ. און אויב עפּעס וואָלט יאָ געווען, וואָלט מען דאָס ניט געקאָנט דערקענען. און אויב מען וואָלט עפּעס יאָ געקאָנט דערקענען, וואָלט מען דאָס ניט געקאָנט מיטטיילען."

פרידריך ניטשע

כּדי עפּעס מיטצוטיילן דעם אַנדערען, דאַרף מען דאָס פרי־הער האָבען געטראַכט אין געדאַנק. אָבער יעדע זאַך, וואָס קאָן געטראַכט ווערען אין אַ מענשליכען געדאַנק, איז שוין — לויט ניטשע — אַן אויסגעטראַכטע זאַך, וואָס האָט גאָרנישט ניט צו טאָן מיט דער ווירקליכקייט.

דער רוסישער דיכטער טיוטשעוו האָט אַמאָל געזאָגט: „אַ גע־דאַנק, אַן אַרויסגערעדטער, איז אַ ליגען" („מיסל איזרעטשעננאיא יעסט לאָזש"), ווייל די מענשליכע שפּראַך איז ניט ביכולת איבערצוגעבען אינגאַנצען אַ מענשליכען געדאַנק. ניטשע געהט נאָך ווייטער אין דעם פּרט און זאָגט בפירוש: „אַ זאַך, וואָס קאָן געטראַכט ווערען, מוז בלי ספק זיין אַ פיקציע."

ציהען מיר דעם סך־הכל פון ניטשע'ס געדאַנקען־גאַנג מכּוח דער טעאָרעטישער און דער מאָראַלישער דערקענטניש, קאָנען מיר אַנווענדען אויף איהם די פאָרמעל, וועלכע ער האָט אַליין איבער־גענומען פון אַן אַלט־גריכישען סאָפיסט: „קיין זאַך איז ניט אמת; יעדע זאַך איז מותר." („ניכטס איסט וואהר; אַללעס איסט ערלאובט.")

בלייבען — בלייבט נאָר איין זאַך: דער ווילדער כאַאָס פון דעם לעבען, מיט זיין פאַר'שכור'ענדען טאַנץ פון לוסט און פּיין.— אַ כאַאָס, פון וועלכען עס קריסטאַליזירען זיך אַרויס גרויסע, באַ־וואונדערונגס־ווערטע מענשליכע העלדען און גאונים, מיט זייערע גרויסע באַרוישענדע גאונ'ישע ווערק.

צוליעב אָט די גרויסע מענשען און גרויסע ווערק זאָל מען לע־בען, זאָל מען זיך אַריינוואַרפען אין דעם לעבענס־פאַר'שכור'ענדען טאַנץ.

ווי מען זעהט, איז דאָס כמעט דערזעלביגער רעזולטאַט, צו וועלכען ניטשע איז געקומען ביי דעם סוף פון זיין ערשטען אַנט־וויקלונגס־פּעריאָד, ווען ער איז געשטאַנען אונטער דער שליטה פון שאָפּענהאָוער'ן. דערזעלביגער שלום־אַקאָרד ווערט אָבער אויך

אַרויסקלינגען פון דעם דריטען און לעצטען פעריאָד אין זיין פי־לאָסאָפישער אנטוויקלונג.

דער געדאנק פון דעם „העלד“, דער געניאַלער פערזענליכקייט, וואָס הויבט אויף אַ קאמף מיט זיין גאנצען „ארום“, צוליעב זיין פרייען שאַפען; פון דעם „העלד“, וואָס ברענגט ארויס די העכערע ווערק פון דער מענשליכער קולטור, — אָט דער געדאנק איז די צענטראַל־אַקס, ארום וועלכער עס האָט זיך תמיד געדרעהט ני־טשע׳ס דענקען. אין די פארשיידענע פעריאָדען פון זיין שאַפען האָט אָבער דער „העלד“ ביי איהם אָנגענומען אביסעל אַ פארשיי־דענע געשטאַלט.

אין דעם ערשטען פעריאָד, — דעם שאָפענהאַוער׳שען, — איז ניטשע, דער מוזיקער און פּאָעט, מעהר פאַר אַלץ געווען פארליעבט אין דעם קינסטלער, דערהויפּט דעם מוזיקער. אין דער צווייטער פעריאָדע, — ווען זיין אינטערעס האָט זיך אַ קעהר געטאָן צו נאַ־טור־וויסענשאַפט און פרייען פאָרשען, איז זיין ליעבלינג־געשטאַלט געוואָרען — דער *פריידענקער*, *וואָס באַקעמפט יעדע אילוזיע*, וואָס *שאַפט אָפּ אַלע ווערטען*, פאַר וועלכע דער מענשליכער שכל האָט זיך געבויגען ביז אהער. אין דער דריטער און לעצטער פעריאָדע ווערט דאָס זיין דער *נביא*, דער „זאַראַטוסטראַ“, וואָס באַשאַפט *נייע* ווערטען, נייע „לוחות הברית“ פאַר דער מענשהייט.

דערוויילע געפינען מיר זיך נאָך אין דעם צווייטען פעריאָד. דאָ איז ניטשע, ווי מען זעהט, מעהר קריטיקער און צושטערער, איידער פּאָזיטיווער אויפבויער. עס איז איהם אמת קלאָר, אז מיט׳ן אראָפּטראָגען פון דער איצטיגער קולטור ווערט געטאָן נאָר אַ העלפט פון דער נויטיגער ארבייט; אז אַ *נייע* קולטור מיט *נייע* פּרינציפּען און צילען דאַרף ארייגטרעטען אין לעבען אויף דעם אָרט פון דער אַלטער. אָבער די גרונט־שטריכען פון דעם נייען, וואָס דאַרף געבויט ווערען, שטעהען נאָך ניט קלאָר פאַר זיינע אויגען. ער טרוימט פון אַן אינטערנאַציאָנאַלען פעראיין

פרידריך ניטשע

פון פריי־גייסטער, וואס זאלן איבערנעמען אויף זיך די אויפגאבע פון דער קולטורעלער ווידערגעבורט.

אין אט דעם צווייטן פעריאד איז ניטשע'ס „שאפענדע לוסט" באשטאנען אין דער „צושטערענדער לוסט." פון אלע זיינע ווערק קלינגען ארוים די פארשייטע, אפטמאל כמעט ציניש קלאנגען פון דער צולאזענסטער פוילישער „מאזורקא", און זיי ווערן כמעט ערגעץ נישט איבערגעריסן פון די טיפערע ערנסטע ארגעל־טענער פון דעם דייטשן פליכט־געפיהל, פון דעם „קאטעגארישן אימפעראטיוו."

ערשט ווען די צושטערענדע ארבייט איז געטאן געווארן, ווען דער באדן איז אינגאנצן אפגערייניגט געווארן מיט דער הילף פון דעם גרויסן ראדיקאלן קעהר־בעזים — „ניכטס איסט וואהר; אללעס איסט ערלאובט." — ערשט יעמאלט האט זיך פאר איהם אנגעהויבן די צייט פון דעם אייגענטליכן פאזיטיוון שאפן; ערשט יעמאלט האבן זיך אין די „מאזורקא"־קלאנגען גענומען אריינרייסן — וואס מעהר אלץ שטארקער — די ארגעל־טענער פון דער מאראלישער פליכט און האבן זיך צונויפגעגאסן מיט די שטיפערישע מאזורקא־קלאנגען אין א „זאראטוסטרא"־סימפאניע לכבוד דעם אנגעשטרענגטעסטן קאמף פאר דאס „העכסטע גוט" אויף דער ערד, — לכבוד דעם „א ו י ב ע ר ־ מ ע נ ש ע ן."

3.

דער זאַראַטוסטראַ־פּעריאָד.

ווען מיר רעדען וועגען די דריי פּעריאָדען אין ניטשע'ס לע־בען און שאַפען, וואָס זענען דריי שטופען אין זיין פילאָסאָפישער אַנטוויקלונג, דאַרף מען זיך ניט פאָרשטעלען דעם ענין אַזוי פשוט, אַקוראַט ווי ניטשע וואָלט מעטאָדיש און סיסטעמאַטיש אַריבערגעגאַנגען פון איין פּרינציפּיעלען שטאַנדפּונקט צו דעם אַנ־דערען.

דאָס איז געווען אַן אומרוהיגער, זיג־זאַג־אַרטיגער ר י י ס ע ן זיך פון איין שטאַנד־פּונקט, אַ שטענדיגער אַריינרייסען־זיך אין אַ נייעם, און אַן אָפטער אַרומשפּרינגען אַהין און אַהער און אין אַלע זייטען. במעט אין יעדען מאָמענט פון זיין שאַפען פלעגען זיך דעריבער צונויפפּאָרען עלעמענטען פון דעם שוין איבערגעלעבטען שטאַנדפּונקט מיט די עלעמענטען פון דעם נייען, און מיט קערענד־לער פון אַ גאַנץ אַנדער געדאַנקען־גאַנג, וואָס האָט קיינמאָל נישט געשלאָגען קיין טיפע ווארצלען אין זיין נשמה. — „צונעפלויגענע פויגעל, ווי „זאַראַטוסטראַ" האָט זיי אַ נאָמען געגעבען. — דע־ריבער זענען במעט אַלע ווערק ניטשע'ס ניט פריי פון אינעווע־ניגסטע ווידערשפּרוכען, — דערהויפּט אין די דעטאַלען פון זיין וועלט־אַנשויאונג.

אין דעם עיקר אָבער און בדרך כלל איז ניטשע אין יעדען פּעריאָד פון זיין אַנטוויקלונג אַן אויסגעהאַלטענער דענקער, לייַ־דענשאַפטליך טריי, אַזוי לאַנג ווי מעגליך, צו דעם צענטראַלען אמת, וואָס שטעהט פאַר איהם אין דעם פאָדערגרונט, — פאַרלאָ־זענדיג דעם צענטראַלען אמת און באַקעמפענדיג איהם ליידענ־

שאפטליך, ווען די אינוועניגסטע לאגיק פון זיין דענקען און פאר־שען פיהרט איהם צו גאנץ אנדערע רעזולטאטען.

ער הויבט אן מיט א דאגמאטישען גלויבען אין דעם אבסאלו־טען אמת בנוגע דעם תוך פון דער וועלט. ער גלויבט, אז אט דער אבסאלוטער אמת איז אויסגעפונען געווארען פון שאפענהאוער׳ן אין זיין מעטאפיזיק פון דעם וועלט־ווילען.

די קרוין פון שאפענהאוער׳ס פילאסאפיע, די פארהערליכונג פון פילאסאפיע און קונסט, ווי א גאולה פון דעם בלינדען ווילען צום זיין, ווערט דער פונדאמענט פון ניטשע׳ס אייגענעם שאפען און אויף דעם פונדאמענט ווערט דער שווארצעסטער פעסימיזם אויף דעם נאטירליכסטען און לאגישעסטען אופן פארוואנדעלט אין א לעבענס־לוסטיגען אפטימיזם, — דערווייל נאך, א צו־להכעיס־אפטימיזם, וואלט איך געזאגט: א לעבענס־לוסט און לעבענס־פרייד אויף צו־להכעיס דעם וועלט־ווילען, וואס טרייבט צו צער און פיין.

דער חשד צו דעם וועלט־ווילען ווערט דערנאך פארוואנדעלט ביי איהם אין א צוטרוי צו דער נאטור, א העכער שטעלונג פון נאטור איבער קולטור. דאס ערנסטע פארטיפען זיך אין אונזער וויסען וועגען דער נאטור און דורכדעם גופא אין די פראבלעמען פון דעם מענשליכען וויסען בכלל, באפרייט איהם פון יעדער ארט דאגמאטיק, פון יעדען גלויבען אין אבסאלוטע אמת׳ען און אין די מעגליכקייט פאר דעם מענשליכען שכל ארויסצוברענגען זיי. ער ווערט א סקעפטיקער, במעט א ניהיליסט אין דעם פי־לאסאפישען זין פון דעםווארט. זיין אפטימיזם ווערט דערביי א שטיפערישער, במעט א ציניש־פארשייטער. אבער שטיפעריש־קייט און ריינע „מאזורקא“ זענען צואווידער זיין ערנסטער נאטור. די סקעפטיק קאן איהם ניט באפרידי־גען, און ער הויבט אן צו קעמפען מיט זיך אליין פאר א נייער וועלט־אנשויאונג און א באוואוסטזיניגען פארפליכטענ־

פרידריך ניטשע

דעז און בינדענדעז לעבענס־ציל. דער „קאטעגארישער אימפעראטיוו" רייסט זיך צו באקומען די איבערהאנט איבער דער „פוילישער מאזורקא". און אין דעם רעזולטאט באקומט זיך אז אפטי־מיסטישע וועלט־אנשויאונג, וואו די באיאהונג פון דעם לעבען איז נישט נאר א לוסט, נאר אויך אז ערנסטע מאראלישע פליכט.

ווי אזוי אבער איז דאס מעגליך פאר איינעם, וואס גלויבט, אז קיין זאך איז ניט אמת, אז יעדע געטראכטע זאך איז שוין א פיקציע און אז קיין זאך טאר אונז ניט בינדען, ווייל „אללעס איסט ערלאובט"?

מעגליך ווערט דאס א דאנק דעם טיפען איינזעהען, אז, ניט קוקענדיג אויף אלע קריטיקען און סקעפטיציזמען, לעבט אין דער מענשליכער נאטור א מעטאפיזישע באדערפניש און א מאראלישע באדערפניש: א מעטאפיזישע באדערפ־ניש צו האבען פאר די אויגען א קלארען בילד פון דעם אלוועלט־ליכען תוך, און א מאראלישע באדערפניש צו האבען אז אידעאל, צו וועלכען עס זאל געשטרעבט ווערען אין לעבען, וואס זאל ווערען א ווירקליכקייט א דאנק אונזערע אייגענע אנשטרענגונגען; און אז ביידע, סיי די מעטאפיזישע באדערפניש, סיי די מאראלישע, מוזען באפרידיגט ווערען דורך איינ־איינציגען פילאסאפישען גרונט־פרינציפ.

וואו נעהמט מען אבער אזא פילאסאפישען גרונט־פרינציפ, אויב אלע וועגען צו דעם תוך פון דער נאטור זענען אונז פאר־שטעלט? אויב צווישען אונז און „נאטור" שטעהט די וואנט פון דעם מענשליכען דענקען, פון דער מענשליכער „פיקציע"?

לאמיר זעהן, ארגומענטירט ניטשע, ווי אזוי דאס איז געווען מיט די פריהערדיגע „אמת'ען", אין וועלכע די מענשען האבען געגלויבט. לאמיר אויסנוצען דאס ביסעלע אמת וועגען א טייל פון דער וועלט, אין וועלכען מיר צווייפלען נישט, ד. ה., וועגען יע־נע איבערצייגונגען אונזערע, וואס האבען אונז געפיהרט צו דעם סקעפטישען בליק.

פֿרידריך ניטשע

מענשען האָבען געגלויבט, אַז זיי האָבען אין זייערע מעטאַפיזישע געביידען אויסגעפונען די „אמת'ע" וועלט. איז דאָס געווען די „אמת'ע" וועלט? ניין! וואָס דען איז דאָס געווען? פּשוט'ער הוילער שטות? — אויך דאָס נישט, ענטפערט ניטשע. דאָס איז געווען, זאָגט ער, אַ ווערט־שאַצונג פון דער וועלט. דאָס איז אין תוך אריין גאָר ניט געווען קיין ענטפער אויף דער שאלה: „וואָס איז די וועלט", ווייל אזא שאלה מוז בלייבען אומפאַרענטפערט. דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף אַ גאַנץ אַנדער שאלה: „וואָס זאָלען מיר, מענשען, גלויבען וועגען דער וועלט, כדי מיר זאָלען קאָנען פיהרען אַ בעסערען לעבען אין איהר, כדי מיר זאָלען זי קאָנען בעסער באַהערשען, כדי מיר זאָלען געווינען די אויבערמאַכט איבער איהר?"

דער אמת וועגען דער וועלט, וועלכע דער מענש ברענגט אַרויס, איז דעריבער נישט קיין אַנטדעקונג פון עפּעס אַזוינס, וואָס איז דאַ אין דער וועלט, נאָר אַ „פיקציע", אָבער אויב אין דעם צווייטען פּעריאָד האָט דאָס וואָרט „פיקציע", געהאַט פאַר ניטשע'ן דעם באַדייט פון אַ שקר, אַן אילוזיע, פון וועלכער מען דאַרף זיך באַפרייען, אַנטדעקט ער איצטער אין איהר אַ נייע זייט: אַ „פיקציע" איז אַ שאַפונג, אַ פּראָצעס פון גייסטיגען שאַפען, וואָס ווערט אַנגעטריבען פון דעם מענשענס ווילען צו מאַכט איבער דער נאַטור. און יעדער דערקענטניש־טריב איז אין זיין פּסיכאָלאָגישען שורש — לויט ניטשע — ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ טריב צו מאַכט, צו הערשאַפט איבער דער רעאַליטעט. יעדע דערקענטניש און יעדער פילאָסאָפישער סיסטעם איז דעריבער אין זיין תוך אַלעמאָל אַנטראָפּאָצענטריש. זי איז — אַ באַטראַכטונג און ווערט־שעצונג פון דער וועלט פון אַ מענשליכען שטאַנדפּונקט; און צו דערזעלביגער צייט איז זי ביאָלאָגיש, ד. ה. אזא באַטראַכטונג, וואָס שטייגערט זיין לעבען, זיין מאַכט איבער דער וועלט.

פרידריך ניטשע

דער לאָגישער זאַץ פון דעם ווידערשפּרוך, צ. ב., וועמעס אַבּ־סאָלוטען אמת ניטשע פּאַרוואַרפט, ווייל אונזער מענשליכע אומ־פעהיגקייט צו דענקען אַ ווידערשפּרוך איז ניט קיין באַפעהל פאַר דער נאַטור, באַקומט איצטער, ווען מיר באַטראַכטען די זאַך אַנטראָפּאָצענטריש און ביאָלאָגיש, אַ גאַנץ אַנדער אויסזעהן. ער איז אַ ב אַ פ ע ה ל, אָבער אַ באַפעהל ניט פאַר דער נאַטור, נאָר פאַר דעם מענשען. „דער זאַץ פון דעם ווידערשפּרוך", זאָגט ניטשע, „איז אַן אַ י מ פּ ע ר אַ ט י וו", — אַ באַפעהל פאַר דעם מענשען, ער זאָל אויסמיידען ווידערשפּרוכען אין זיינע געדאַנקען. ווייל אַזוי וועט ער קאָנען ב ע ס ע ר באַהערשען די וועלט.

פון אַן אַנטראָפּאָצענטריש־ביאָלאָגישען שטאַנדפּונקט קאָן מען שוין ניט זאָגען: „ניכטס איסט וואַהר", קיין זאַך איז ניט אמת," ווייל אַט דער שטאַנדפּונקט גיט אונז אַ גאַנץ נייעם באַ־גריף וועגען דעם מ ה ו ת פ ו ן ד ע ם א מ ת. אמת איז אַ ל ץ, וואָס דער מענש ב אַ ש אַ פ ט פאַר זיך אין זיינע גע־דאַנקען, כדי בעסער צו באַהערשען די דרויסענדליכע רעאַליטעט.

ביז אַהער האָבען די מענשען געבויט זייערע אמת'ען אַנטראָ־פּאָצענטריש־ביאָלאָגיש אומבאַוואוסטערהייט. ל אָ מ י ר — זאָגט ניטשע, — טאָן דאָס אייגענע אָבער ב אַ וו אוּ ס ט ז י נ י ג ע ר־ה י י ט, לכתחילה וויסענדיג, אַז מיר בויען מ ע נ ש ל י כ ע אמת'ען, ד. ה. אַז מיר אַנטדעקען ניט דעם תוך פון דער וועלט, נאָר מיר ש אַ פ ע ן אַ וועלט־בילד, כדי מיט זיין הילף צו באַ־הערשען די וועלט. אויף אַזאַ'ן אופן באַפרידיגען מיר אויף אַ כשר'ען עהרליכען אופן אונזער מ ע ט אַ פ י ז י ש ע באַדערפ־ניש.

און אויף דעמזעלביגען אַנטראָפּאָצענטריש־ביאָלאָגישען וועג קאָנען מיר אויך באַפרידיגען אונזער מ אָ ר אַ ל י ש ע באַדערפ־ניש, — די אויסגעפינונג פון דעם „העכסטען גוט," צו וועלכען דער מענש זאָל שטרעבען, וואָס זאָל ווערען דער ציל און דער זין פון זיין לעבען.

פרידריך ניטשע

ס'איז אמת, אז אין דער נאַטור און אין דעם גאַנג פון דער געשיכטע זעהען מיר נישט קיין צילען. דער כאַאָס פון די געשעהענישען אין דער נאַטור *האָט* ניט קיין זין און קיין ציל. ווענינגסטענס האָבען מיר קיין רעכט ניט אַריינצופאַנטאַזירען אין איהר אַזעלכע צילען. אָבער דוקא *ווייל* די וועלט האָט ניט קיין צילען, איז זי פאַר אונז, מענשען, אַן אָפענע וועלט. ווער קאָן אונז דען פאַרוועהרען זיך אַליין אַוועקצושטעלען אַ *ציל* פאַר די אויגען? ווער לאָזט אונז דען נישט אַריינצוטראָגען *אונזער מענשליכען זין* אין דעם פּראָצעס פון דעם וועלטליכען געשעהען?

מיר האָבען אויף דער נאַטור אַרויפגעצוואונגען אסך מענשליכע צילען, וועלכע זי האָט געמוזט פאַרווירקליכען אין אונזער טעכניק. פאַרוואָס זאָלען מיר ניט טאָרען אַרויפצווינגען אויף איהר, — ניט אַריינפאַנטאַזירען אין איהר, — אונזער העכסטען מענשליכען לעבענס־ציל?

ניטשע ווייס גאַנץ גוט, אז ווען מענשען שאַפען אַנטראָפּאָצענטריש — ביאָלאָגיש, קאָנען זיי ניט אַרויסברענגען קיין „אָביעקטיווע" אמת'ען. וואָס זאָלען זיין אַ לאָגישער „מוז" פאַר יעדען דענקענדען קאָפּ. צו קלאָר שטעהט פאַר איהם, דעם טיפען פּסיכאָלאָג, דער פאַקט, אַז די באַשאַפונג שפּיגעלט אָפּ דעם באַשאַפער, אז די „ראַסע", ד. ה. דער גאַנצער פּסיכאָ־פיזישער *מהות* פון דעם באַשאַפער, דריקט זיך אויס אין זיין ווערק.

ממילא מוז יעדער אַרויסגעבראַכטער פילאָסאָפישער אמת אָפּשפּיגלען קודם־כל דעם *אינדיווידועלען* מהות פון דעם באַשאַפער: *זיינע* אינטערעסען, זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, *זיין* אַרט צו דענקען און צו *זעהען* ערשיינונגען. יעדער פילאָסאָפישער אמת איז דעריבער, — ווי מיר האָבען דאָס אָנגערופען אין אַן אַנדער אָרט*), — אַן אינדיווידו־

*) זעה אונזער „די מאַכט פון דעם אמת".

פרידריך ניטשע

עלע פלאנץ"; ער איז על פי נויטווענדיגקייט אינדיווידואליסטיש־סוביעקטיוו.

אבער דאס שרעקט ניטשע'ן בשום אופן ניט אפ. באוואוסטטערהייט שטרעבט ער ארויסצוברענגען זיין אייגענעם אמת. ווען פארבייגעהער פרעגן „זאראטוסטרא'ן": „וואו איז דער וועג?" ענטפערט יענער: דער וועג? „דער וועג איז גאר ניטא אין א מציאות, אט דאס איז מיין וועג! וואו איז אייערער?

דאס וויל זאגן: איך שטרעב אויף דעם עהרליכסטען אופן, מיט דער גאנצער איבערגעבענקייט צו דעם שטרענגסטען אמת, ארויסצוברענגען יענעם אמת וועגן דער וועלט, וואס איז אנגעמאסטען אן מיין נאטור, אן מיין ווערטשעצונג פון דער וועלט. איך וויל אויך אויף דעמזעלבען שטרענג־עהרליכען אופן אויסגעפינען, וואס דארף זיין דער העכסטער אידעאל פאר דעם מענשען, וואס זאל באלייכטען זיין לעבענס־וועג. איך ווייס אבער, אז דאס, וואס איך וועל ארויסברענגען, וועט זיין מיין אמת. אבער אט דעם אמת, דעם סוביעקטיוו־אינדיווידואליסטישען אמת מיינעם, — איך זאג דאס אייך עהרליך און אפען, — וויל איך ארויפצווינגען אויף אייך און אויף דער גאנצער וועלט (אויב איך וועל קאנען). טוט דאס אייגענע! בויט אויף אייערע סוביעקטיוו־אינדיווידואליסטישע אמת'ען, מיט דערזעלביגער שטרענגער איבערגעבענקייט ניט אפצונארען זיך אליין, נאר ארויסצוברענגען אין איהם אייער גאנצען מהות, — ניט נאר אייער דענקענדען „איך", נאר אייער „לייב און זעל", אייער „זעלבסט", וואס וועט זיך אויסדריקען אין אייער ווערטשעצונג פון דער וועלט. שטעלט אוים אייערע אמת'ען אין צייל אנטקעגען מיינעם, און... לאמיר זעהען. „ווער־וועמען!"

אויף אזא'ן אופן געהט דא אריבער דער סקעפטישער שטאנדפונקט, וואס באצווייפעלט — אדער לייקענט לגמרי אפ — יעדען

פרידריך ניטשע

אמת און יעדן מאראלישן אידעאל, אין א סוביעקטיווער-אינדיווידואליסטישן שטאנדפונקט, וואס פאדערט, אז יעדער איינער זאל באוואוסטזיניגערהייט שטרעבן ארויסצוברענגען זיין אייגענעם וועלט-בילד און לעבענס-אידעאל, ווי יענעם „אמת", וואס איז א נויטווענדיגקייט פאר זיין גאנצן „זעלבסט".

לאמיר דא באמערקן, אז אט דער סוביעקטיווער אינדיווידואליזם איז שוין אסך פריהער פיר ניטשע'ן ארויסגעבראכט געווארען פון פרידריך-אלבערט-לאנגען אין דייטשלאנד און ניקאלאי מיכאילאווסקי'ן אין רוסלאנד, און נאך פריהער פאר זיי ביידען פון שטירנער'ן, און נאך פריהער פאר שטירנער'ן — אין דער אלט-גריכישער פילאזאפיע פון פראטאגאר'ן.

ניטשע שמידט דא אויס אויף זיין אייגענעם שטייגער א רינג אין יענער פילאסאפישער קייט, וואס ציהט זיך פון פראטאגאר'ן אז דורך די אויבען דערמאנטע דענקער און דורך איהם גופא, ביז אויף די „פראגמאטיסטען" און „הומאניסטען" פון אונזער צייט,— דער עיקר שילער'ן, — א קייט, וואס הויבט זיך אן מיט דעם ערשטען גילדערנעם רינג, וועלכען פראטאגאר האט אויסגעשמידט אין די ווערטער: „דער מענש איז די מאס פאר אלע זאכען; פאר די זייענדיגע, ווי זיי זענען, און פאר די ניט-זייענדיגע ווי זיי זענען ניט."

וואס איז און וואס איז ניט אין דער וועלט, לויט ניטשע'ס בליק אויף איהר?

לאמיר זעהען, וואס איז געבליבען אויפ'ן פלאץ, ווען ניטשע'ס סקעפטישער קעהר-בעזים האט ארויסגעקעהרט אלע „פיקציעס" פון דער מענשליכער דערקענטניש.

געבליבען איז א וועלט-כאאס פון איינצעלנע שפרונגען, „סענסאציאנען", וואס שפרינגען „שטיפעריש" אריין אין דעם שטראם פון דער אייביגער צייט.

פרידריך ניטשע

געבליבען איז פאר איהם ווייטער אויך די איבערצייגונג, אז יענע שפירונגען (פארביגע פונקטען, גערוכען, קלאנגען, לוסטען, וועהטאגען א. אז. וו.) זענען ניט קיין מאטעריעלע אטאמען, נאר קראפט־צענטרען, וואס ווירקען איינע אויף די אנדערע, און ער נעמט אן מיט ראבערט מייערן און דער גאנצער פיזיק פון זיין צייט, אז דער סכום פון דער וועלט־קראפט איז אן אייביגער, ד. ה., אז ער קאן קיינמאל ניט פארגרעסערט ווערען און קאן קיינמאל ניט פארמינערט ווערען. קלאר איז אויך פאר ניטשע'ן יענער רעזולטאט, צו וועלכען קאנט איז געקומען און שאפענהאוער האט באפעסטיגט, אז דער רוים, דער „אומענדליך אויסגעשפרייטער חלל" איז א ריינע מענשליכע „ערשיינונג", וואס געפינט זיך ניט אין דער „וועלט". ער רעכענט אבער, אז די צייט אין איהר גאנצער אומענדליכקייט קאן בשום אופן ניט אפגעלייקענט ווערען.

שוין פון אט די עלעמענטען אליין בויט ניטשע אויף איינעם פון די וויכטיגסטע גרונט־זיילען פון זיין נייער פילאסאפיע. דאס איז די לעהרע פון דעם „אייביגען ווידערקום."

אויב דער סכום פון דער וועלט־קראפט איז אן אייביגער, א שטענדיגער, וואס קאן ניט פארמעהרט ווערען, מוז ממילא דערפון געדרונגען זיין, אז יענער סכום איז ניט קיין אומענדליכער, נאר אן ענדליכער: ווייל אומענדליכקייט באשטעהט גראד אין דעם, וואס איהר טארט זיך ניט אפשטעלען ביי קיין סכום און מוזט צו איהם מוסיף זיין אלץ מעהר און מעהר.

אויב די קראפט־צענטרען פון אן ענדליכען סכום ווירקען איינע אויף די אנדערע, הייסט דאס, אז זיי אלע זענען אויסגעבונדען אינאיינעם. ווען איהר טוט א נעם איין ערשיינונג, מוזען זיך נאך איהר נאכציהען אלע אנדערע ערשיינונגען, ווי אויגלעך פון א נעץ. יעדער געגעבענער מאמענט פון דער אייביגער אומענדליכער צייט איז דעריבער א קאמבינאציע פון קראפט־צענט־

רען, וואָס וואַקסט אַרויס פון דעם פריהערדיגען מאָמענט און באַשטימט מיט זיך די קאָמבינאַציע פון דעם קומענדיגען מאָמענט.

די קאָמבינאַציעס פון אַן *ענדליכען* סכום קראַפט־צענטרען מוזען אָבער על פי הכרח *אויך* זיין פון אַן ענדליכער צאָהל. *אין אַ געוויסער צייט מוזען אַלע מעגליכע קאָמבינאַציעס*, וואָס פליסען אַרויס איינע פון דער אַנדערער, זיך אויסשעפּען. וואָס מוז פאַרקומען יעמאָלט, ווען די קאָמבינאַציעס שעפּען זיך אויס?

פאַרשווינדען קאָן ניט די וועלט. בלייבען שטעהען אָהן אַ וועלכער עס איז ענדערונג, אויף *אייביג* אַ פאַרגליווערטע?

אָבער אין דער אומענדליכער צייט, וואָס איז פאַרפלאָסען געוואָרען ביז אַהער, וואָלט די אייביגע פאַרגליווערטקייט שוין לאַנג געמוזט האָבען אַריינגעטרעטען אין לעבען. און זעהען מיר, אַז די וועלט ענדערט זיך, ד. ה. ברענגט אַרויס אַלץ נייע און נייע פאַרבינדונגען פון דער באַגרעניצטער צאָהל קראַפט־צענטרען. בלייבט פאַר אונז נאָר איין־איינציגער אויסוועג: מיר מוזען אָננעמען, אַז נאָכדעם, ווי אַלע מעגליכע קאָמבינאַציעס שעפּען זיך אויס, *מוז דער וועלט־שפּיל זיך אָנהויבען פון אָנהויב, אין דעמזעלביגען סדר, ווי פריהער*. און ווייל די צייט איז *אייביג*, ד. ה. *אומענדליך*, מוזען מיר אויך אָננעמען, אַז אַלע מעגליכע קאָמבינאַציעס האָבען זיך שוין ניט איין מאָל, נאָר *אומענדליכע*, אומצאָהליגע מאָל אויסגעשעפּט און *האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען פון* אָנהויב.

ווען איך זיץ איצטער ביים שרייב־טיש און שרייב אין אידיש וועגען ניטשע'ס פילאָסאָפיע, קאָן איך, לויט אַט דער פילאָסאָפיע, זיין זיכער, אַז איך בין אין דעם אומענדליכען עבר שוין אומענדליכע מאָל אַזוי געזעסען ביי פונקט דעמזעלביגען טיש און האָב געשריבען אויף פונקט דעמזעלביגען פאַפּיר פונקט דיזעלביגע אידישע אותיות. און איך קאָן אויך זיכער זיין, אַז אין דער אומענדליכער

צוקונפט וועט זיך אומצאהליגע מאָל אָפּשפּילען דערזעלביגער מאָמענט.

איך בין דעריבער שוין מילי־מיליאָנען מאָל געבוירען געוואָרען, בין מילי־מיליאָנען מאָל געשטאָרבען און וועל ווידער מילי־מיליאָנען מאָל „שטיפעריש ארייגשפּרינגען" אין דער וועלט און וועל פיהרען דעמזעלביגען לעבען, וועלכען איך פיהר איצטער, מיט דיזעלביגע מענשען, וואָס רינגלען מיך אַרום, וואָס וועלען אויך אזוי, ווי איך, קומען אינאיינעם מיט מיר אויף דער וועלט. דאָס לעבען איז דעריבער א י י ב י ג. עס איז ניטאָ קיין אבסאָלוטער שטאַרבען. עס איז דאָ נאָר אַן א י ב ע ר ד ר י י ם אויף א געוויסער צייט (לאָז זיין פון מילי־מיליאָנען יאָהרען) און אַן אייביגער א ו י ף ־ ד אָ ס ־ נ י י ־ ג ע ב ו י ר ע ן ו ו ע ר ע ן.

אָט — דאָס איז ניטשע'ס לעהרע פון דעם „אייביגען ווידערקום", אויף וועלכער ער איז געוועזן אזוי שטאָלץ. דער געדאַנק איז אייגענטליך ניט קיין נייער: מיר געפינען איהם שוין אין דער אַלט־גריכישער פילאָסאָפיע ביי העראקליט'ען און די סטאָאיקער. ניי איז נאָר די ב אַ ג ר י נ ד ו נ ג פון דעם געדאַנק, וואָס שטיצט זיך אויף די מאָדערנע לעהרען פון דער פיזיק און דער דערקענטניש טעאָריע.

ליידער — (אָדער אפשר: צ ו ם ג ל י ק !) איז דער גרונט־זאַץ, וועלכען ניטשע נעמט אַריבער פון דער פיזיקאַלישער וויסענשאַפט, אז דער סכום פון דער וועלט־ענערגיע בלייבט זיך תמיד גלייך, איצטער שוין נישט אזוי פעלזען־פעסט זיכער, ווי דאָס האָט זיך אויסגעדוכט אין זיינע צייטען. די מאָדערנע פיזיק האָט שוין, מיט מ אַ ד ' ן, אָפּגעלייקענט די וויסענשאַפטליכע נויטווענדיגקייט פון אַזאַ געדאַנק, און עס מעהרען זיך אין דער איצטיגער צייט פיזיקאַליש־מאַטעמאַטישע אונטערזוכונגען, וואָס ב אַ ־ ו ו י י ז ע ן, אז ענערגיען קאָנען לחלוטין פ אַ ר ש ו ו י נ ד ע ן. — ממילא איז ניט אויסגעשלאָסען, אז זיי קאָנען געבוירען ווערען לגמרי פון זיך אליין, און ממילא קאָן דער סכום פון די

פרידריך ניטשע

מעגליכע וועלט־קאמבינאציעס ווערען אומענדליכער, ד. ה. קיינמאל ניט, צו קיין צייט ניט אז אויף אייביג אפגעשלאסענער.

דאס עפענט אפ די וויסענשאפטליכע מעגליכקייט פאר אזא פילאסאפיע, ווי בערגסאנ'ס, וואס לערענט, אז דער וועלט־פראצעס איז ניט אן אייביגער קאמבינירען פון א סכום עלעמענטען, וואס איז איינמאל פאר אלע מאל פאראנען אין דער וועלט; נאר אז דער אנטוויקלונגס־פראצעס פון דער וועלט איז אן אייביג שאפענדער פראצעס, וואס ברענגט ארויס נייע ענערגיען, וועלכע קאנען אריינטרעטען אין איהר אהן א צאהל און אהן אן ענד.

דאס גראבט אונטער אינגאנצען דעם פונדאמענט פון ניטשע'ס גלויבען אין דעם „אייביגען ווידערקום". אבער ניטשע האט אזא נייעם קעהר אין דעם וויסענשאפטליכען דענקען ניט געקאנט פאראויסזעהן, און שטאלץ איז ער געווען אויף זיין געדאנק דערפאר, וואס ער באשאפט אזא וויכטיגע פילאסאפישע פאזיציע אין דעם קאמף אנטקעגען דעם פעסימיזם פון איין זייט און דער רחמנות־מאראל פון דער אנדערער.

דאס לעבען איז אייביג, און אלץ וואס איז געווען וועט ווידעראמאל קומען אין דערזעלביגער פארם און קאמבינאציע, ווי עס איז געווען. עס איז דעריבער ניטא קיין ברעקעל האפנונג אויף דער „גאולה פון דעם זיין," ניט פאר דעם אינדיווידואום, ניט פאר דער גאנצער וועלט, און אויב אייך איז נמאס די וועלט, בלייבט פאר אייך קיין אנדער אויסוועג ניט, ווי דער גרענעצלאזער, האפנונגס־לאזער יאוש, פון וועלכען איהר קאנט ניט רעטען אפילו זיך אליין, ווייל ווען איהר זאלט אפילו פאלגען שאפענהאוער'ן און זיך „ארויסהונגערען" פון דער איצטיגער וועלט, וועט דאס אויך זיין א תרופה נאר אויף א קליינער ווײַלע. דער „גלגל החוזר" וועט ווידער קומען צו דעם פונקט, ווען איהר דארפט געבוירען ווערען און — אט זייט איהר ווידער דא!

פרידריך ניטשע

אבער פארוואס זאל מען בכלל זיין פעסימיסטיש? איז דען ניטא אין דעם זיין, מיט אלע זיינע ליידען, אזעלכע מאמענטען, צוליעב וועלכע עס לוינט זיך צו לעבען און צו ליידען? — אזעלכע מאמענטען זענען דא, זאגט ניטשע. דאס זענען *די לוסט־מאמענטען פון דעם שאפען* און די פריידיגע באוואונדערונג פון די גרויסע מענשען און זייערע ווערק. אט די גרויסע מענשען און ווערק וועלען אייביג ארויסגעבראכט ווערען און אייביג צוריק קומען. עס איז די *אומשטארבליכקייט פון דער שאפענדער לוסט*, וואס דער „גלגל החוזר"־געדאנק גיט אונז, און יעדער, ביי וועמען די לעבענס־לוסט איז ניט פארדארבען דורך קראנקהייט אדער קראנקע געדאנקען, יעדע שטארקע, לעבענס־פריידיגע נאטור מוז זיך פיהלען טויזענט מאל געשטארקט דורך דער פערספעקטיווע פון איהר אייביגען ווידערקום, ווייל „לוסט וויל טיפע, טיפע אייביגקייט."

די לעבענס־פרייד און די עקזיסטענץ־פרייד ווערט נאר געשטערט דורך אונזערע מאראלישע רחמנות־געדאנקען, וואס קאנען ניט אריבערגעטראגען אלע אכזריות'ען און יסורים, וואס קומען פאר אין דער וועלט, וועלכע דער „גלגל החוזר", דער וועלטען־יאהר, וועט ווידער ארויסברענגען אויפס־ניי: אבער אין דעם איז שוין ניט שולדיג די וועלט, נאר די *מענשליכע שוואכע הארץ*. ווער הייסט אונז דען זיין שוואכינקע און נעבעכדיגע, און סימפאטיזירען מיט די שוואכינקע און נעבעכדיגע! „רחמנות איז א מדה מגונה, ווייל זי פארפיינדט אונז מיט דער וועלט און מיט דעם לעבען", — אזוי וואלט ניטשע געקאנט פארמולירען זיין מאראלישען גרונט־זאץ, שטיצענדיג זיך אויף אן עהנליכען געדאנק ביי דעם גרעסטען אידישען דענקער שפינאזא. מיר דארפען *וועלען* אזא וועלט, ווי זי איז, ניט דערפאר אליין *ווייל* זי איז, נאר ווייל עס איז *גוט* אזוי, ווי זי איז, — א שטארקע־קראפט־רייכע, פול מיט לעבענס־לוסט פאר די שטארקע און קראפט־רייכע.

פרידריך ניטשע

דאס ווערט נאך קלארער, ווען מיר ווילען אונז אויסמאלען דעם טיפסטען תוך פון יענע קראפט־צענטרען, וואס פון זיי און פון זייער קאמבינאציאנס־שפיל באשטעהט די וועלט.

מיר זענען שוין באקאנט געווארען מיט דעם לעצטען פסי־כאלאגישען רעזולטאט, צו וועלכען זיין דערקענטניש־טעאריע האט געפיהרט ניטשע'ן. די דערקענטניש איז ניט א פראדוקט פון דעם קלארען שכל און דעם דענקען, נאר פון דעם ווילען. דער מענש איז אין זיין תוך ניט געדאנק, נאר ווילען. דאס ווערט פאר'אמת'ט דורך אלע אנאליזען, וועלכע מיר מאכען סיי אין דער פסיכאלאגיע פון דעם טאג־טעגליכען לעבען, סיי אין דער פסיכאלאגיע פון אלע ווערק, וועלכע די מענשהייט האט ארויסגע־בראכט: הינטער זיי אלעמען לויערט די פארבארגענע ווילענס־קראפט.

דאס האט שוין שאפענהאוער ריכטיג איינגעזעהען און ער האט שוין דערפון געצויגען דעם ריכטיגען שלוס, אז מיר זענען נאר א טייל פון דער גאנצער וועלט, און אז אונזער אינווענינגסטער פארבארגענער תוך איז ממילא דער אינווענינגסטער פארבארגענער תוך פון דער גאנצער וועלט: ד. ה. אז מיר זענען אין תוך אריין ווילען.

מיר האבען א גוטען רעכט, זאגט ניטשע, צו ציהען דעמזעל־בינגען שלוס. מיר דארפען זיך אבער דערביי היטען ניט אריינ־צופאלען אין יענע גרונט־טעות'ן, וועלכע שאפענהאוער האט גע־מאכט מיט זיין וועלט־ווילען.

שאפענהאוער האט אינאיינעם מיט שפינאזא'ן, און די איבע־ריגע מעטאפיזיקער, ווי פיכטע, שעלינג און העגעל, אנגענומען אז איין־איינציגע וועלט־סובסטאנץ: אלע איינצעל־קרעפטען און ערשיינונגען זענען נאר צופעליגע וואלען אין דעם גרויסען וועלט־ים, אהן א ברעקעל זעלבסטשטענדיגקייט און אייגע־נע עקסיסטענץ. דעמזעלבינגען טעות האט געמאכט שאפענהאוער מיט זיין איינ־איינציגען וועלט־ווילען. אלע איינצעלנע ווילענס ווע־

פרידריך ניטשע

רען פארטרונקען אין איהם און באהערשט פון איהם. מיר ווייסען אבער, אז די וועלט באשטעהט פון אן אומגעהויערען סכום איינ־צעלנע שפירונגען, וואס ווירקען איינע אויף די אנדערע, ד. ה., וואס זענען זעלבסטשטענדיג אין זייער וויר־קען. מיר האבען זיי דערקענט פאר קראפט־צענטרען, פאר באזונדערע אינדיווידואליטעטען. איצטער טראגען מיר אריבער אויף זיי אונזער אינווענינגסטען תוך, דעם ווילען. און זיי ערשיינען פאר אונז ווי צאהלרייכע פיעל־גע־שטאלטיגע, ווילענס־צענטרען, „ווילענס־פונקטוא־ציאנען," ווי ניטשע רופט זיי. יעדער ווילענס־צענטער איז אן אינדיווידואום, וואס האט זיין ווילען אין זיך.

זיין ווילען צו וואס? צו עקזיסטענץ, צו זיין, ענטפערט דערויף שאפענהאוער. אבער דא מאכט ער, לויט ניטשע'ם קרי־טיק, ווידער א טעות, אן אומזיניגען טעות.

וואס הייסט וועלען זיין? אויב איינער איז נאך נישטא אין דער עקזיסטענץ, איז ווער זאל דא וועלען? און אויב איינער איז שוין דא, הייסט וואס דארף ער נאך וועלען. שטרעבען צו עפעס אזוינס, וואס איז שוין דא?

אדער איז דאס א וועלען צו גליק? א שטרעבען צו הנאות, וואס זענען נאך ניטא? אויך דאס ניט. דאס שטרע־בען צו גליק קומט פאר (אדער ריכטיגער: עס דוכט זיך אויס, אז עס קומט פאר) אויף די העכערע שטופען פון דעם אנימאלישען לע־בען. דער וואס וויל אבער אריינדרינגען אין די פארבארגענע סודות פון דעם לעבען, יענער דארף זיך אראפלאזען אויף די נידעריגסטע ביאלאגישע שטופען.

אט האבען מיר אזא רייכע לעבענס־וועלט ווי די פלאנצען. וואס ווייסען די פלאנצען פון גליק און פון הנאות? ווי קאן מען דערקלערען זייער קאמף „אומ'ס דאזיין" דורך א שטרעבען צו א גליק? און ווייס עפעס די חיה דערפון? אין דער גאנצער לעבע־דיגער נאטור שפילט דאס שטרעבען צו גליק קיין ברעקעל ראלע

ניט. פאַרוואָס זאָל דער מענש זיין אַן אויסנאַם פון דעם אַלגע־מיינעם כּלל, וואָס הערשט אומעטום אין דער לעבעדיגער נאַטור? און האָט דער מענש דערגרייכט אין זיין לעבען מעהר גליק, איידער די חיה? ניין, ניט מעהר גליק האָט ער דערגרייכט, נאָר מעהר — — — מאַכט!

לאָמיר זיך ווידער דערמאָנען, וואָס טרייבט אַן די מענשליכע דערקענטניש! יעדע דערקענטניש איז אַ שטרעבען צו באַהערשען די נאַטור, אַרויפצוצווינגען אויף איהר די מאַכט פון דעם מענשליכען ווילען. דער ווילען צו מאַכט, — דאָס איז דער אינוועניגסטער פּסיכאָלאָגישער תוך פון דעם מענ־שען, דעריבער מוז דאָס אויך זיין דער אינ־וועניגסטער פאַרבאָרגענער תוך פון יע־דען קראַפט־צענטער. דער „ווילען צו מאַכט“ איז דער סוד פון דער וועלט, אויף וויפיעל מיר, מענשען, קאָנען אונז דענקען אַזאַ „סוד“.

יעדער קראַפט־צענטער שטרעבט צו פאַרמעהרען זיין מאַכט דורכדעם, וואָס ער צווינגט אַרויף זיין ווילען אויף אַן אַנ־דער קראַפט־צענטער, אָדער אַסך אַזעלכע צענטרען. די פּראָטאָ־פּלאַזמאַ זוכט שפּייז, ניט אויס הונגער, נאָר אויס דעם ווילען. אַרונטערצוצווינגען אַנדערע קראַפט־צענטרען (די שפּייז) אונטער איהר ווילען. און דאָס איז אויך דער סוד פון יעדען אָרגאַ־ניזם אין דער נאַטור: דער אָרגאַניזם איז אַן איבערהער־שאַפט פון אייניגע צעלען איבער אַסך אַנדערע צעלען. מען וויל זיך דערנעהרען, כּדי צו ווערען שטאַרקער. כּדי אַנצוהאַלטען אַט די איבערהערשאַפט.

אַ ווילען צו פאַרגעוואַלטיגען דעם אַנדערען און ניט צו דערלאָזען, אַז דער אַנדערער זאָל מיך פאַרגעוואַלטי־גען, — אַט דאָס איז די גאַנצע נאַטור. מען וויל אַ ווי־

דערשטאַנד, כדי מען זאָל איהם קאָנען מנצח זיין, כדי אין דעם נצחון צו דערשפּירען די אייגענע מאַכט. ווערט די מאַכט פאַרשטאַרקט, דאַמאָלט שפּירען מיר לוסט. ווערט דער „ניט־לאָזען־זיך" אָפּגעשוואַכט, דאַמאָלט דערשפּירען מיר אומלוסט. די אומלוסט שפּרינגט דאָ אַרויס, כדי ווידער אויפצורייצען און אויפצואוועקען דעם מאַכט־געפיהל, דעם חשק צו קאַמף און נצחון.

און וואָס מעהר לעבען און לעבענס־לוסט עס איז דאָ ביי וועמען, אַלץ מעהר מאַכט־געפיהל, קאַמף־געפיהל, נצחון־דאָרשט שטעקט אין איהם. און צוריק: וואָס ווייניגער לעבענס־קראַפט עס איז דאָ ביי איינעם, וואָס אָפּגעשוואַכטער איינער איז, — אַלץ ווייניגער קאַמף־לוסט, אַלץ ווייניגער פאַרגוואַלטיגונגס־לוסט און דאָרשט צו הערשאַפט באַמערקט זיך אין איהם. דאָס לעכצען נאָך רוה, נאָך שטילען „גליק" ווי אַ שטענדיגער צושטאַנד אין דער נשמה, איז אַ סימן, אַז מען געהט באַרג אַראָפּ, אַז מען ווערט אויסגעעלטערט, אויסגעלעבט, אַז מען האַלט שוין ביים פאַרשווינדען.

אַט דער בליק אויף דער וועלט, ווי אויף אַן אייביגען שפּיל און קאַמף פון קראַפט־צענטרען, וואָס זייער אינוועניגסטער תוך איז דער ווילען צו מאַכט, גיט אונז אויך די מעגליכקייט צו באַפרידיגען אונזער מאָראַלישע באַדערפניש, אויסצואַרבייטען אַן אידעאַל, וועלכען מיר זאָלען מיט אונזער גאַנצער מאַכט פאַרווירקליכען אין לעבען.

באַטראַכט מען די איצטיגע ציוויליזירטע מענשהייט, באַמערקען מיר גרינג אין איהר אַלע סימפּטאָמען פון אויסגעעלטערטקייט און אָפּגעלעבטקייט, — דער עיקר, ווען מיר אַנאַליזירען אַלע יענע אידעאַלען, וועלכע זי האָט אַרויסגעבראַכט אין דער רעליגיע, דער פילאָסאָפיע און דער מאָראַל. דאָס שטרעבען צו פרידען אַנשטאָט קריג און קאַמף, צו רוה און גליק אַנשטאָט ווידערשטאַנד און נצחון, צו רחמנות אַנשטאָט פאַרגוואַלטיגונג, צו גלייכקייט און דעמאָקראַטיע.

פרידריך ניטשע

אנשטאט אויבערהארשאפט; צו א לעבען אין *היסטארישע זכרונות* אנשטאט א שטענדיגען ברויזען פאראויס אין דער צוקונפט; צו שקלאווישער *געבונדענקייט אין געזעצען* (שטאטליכע, רעליגיעזע און מאראלישע) אנשטאט דער פרייער אומגעבונדענקייט פון דעם אינדיווידואום, וואס „וויל זיך ניט לאזען.“ — דאס זענען די הערשענדע אידעאלען פון דער צייט און דאס זענען אלץ סימנים פון אויסגעעלטערטקייט, פון דעקאדענץ און דעגענעראציע.

און דער הערשענדער טיפ־מענש איז פונקט אנגעמאסטען אז די אידעאלען, מיט וועלכע ער לעבט. מיליאנען און מיליאנען פון קלייניגקע מענשעלעך, מיט קלייניגקע השגות, מיט קלייניגקע מצוה׳לעך און קלייניגקע עבירה׳לעך, — א מיליאנענהאפטע מחנה פון ווערים, וואס קריכען ארום אין מיסט.

דער מענש, ווי ער האט זיך אויסגעבילדעט אין דער מאדערנער קולטור, איז ניט נאר ניט די קרוין פון דעם באשאף, ער שטעהט נאך נידעריגער, לויט דעם *גראד לעבען, וואס אין איהם*, פאר דער ווילדער חיה.

אזא בריאה, ווי דער מענש, איז ניט *ווערט* צו זיין די קרוין פון דעם באשאף. ער *מוז* פארשווינדען, ער *זאל* פארשווינדען פון דער ערד. אבער ער קאן פארשווינדען, ארויסברענגענדיג פון זיך א *העכערען* וועזען, אויך א *מענשליכען*, אבער אזא, וואס זאל שטעהן *איבער* דעם מענשען אקוראט אזוי הויך, ווי דער מענש שטעהט העכער פאר דער מאלפע, פון וועלכער ער שטאמט אפ. אט דעם העכערען טיפ מענש, וואס זאל לויט זיין גאנצען מהות זיין א *שטייגערונג*, ניט אן אפשוואכונג פון די נאטירליכע לעבענס־כוחות, רופט ניטשע אז דער „*אויבער־מענש*“, („איבער־מענש“) און צוליעב ארויסברענגען פון זיך גופא אט די העכערע מענשליכע ראסע פון אויבער־מענשען זאל דער מענש לעבען אויף דער וועלט. דער אויבער־מענש *זאל* ווערען אונזער אידעאל. דאס

פרידריך ניטשע

שטרעבען צו איהם זאל ווערען דער זין פון אונזער לעבען.

וואס דארפען זיין די כאראקטעריסטישע אייגענשאפטען פון דער אויבער־מענשליכער ראסע?

די קריטיק פון דעם איצטיגען מענשען גיט אונז א מאסשטאב אין די הענט צו באשטימען דעם אידעאל־מענשען פון דער צוקונפט.

קודם וועט דאס זיין א שטארקער קערפער, דער אויסדרוק און די געצייג פון א מעכטיגען ווילען. און זיין מעכטיגער ווילען וועט זיין געקעהרט צו דעם נצחון איבער גרויסע ווידערשטאנדען. ד. ה. צו גרויסע טאטען, צו דער באשאפונג פון וואונדער־ווערק.

זיינע לעבענס־אימפולסען וועלען זיין אנגעשפאנט ביז צו דעם העכסטען גראד, און דאס גופא וועט מאכען אוממעגליך, ער זאל קאנען פארזומפט ווערען אין רוה און הסתפקות במועט.

זיין אייביגע אומרוה, זיין שטענדיגער שאפענס־דארשט וועט אבער ניט זיין פארבונדען מיט אנגערוקטקייט און מרה־שחורה, ווייל דער גאנצער פעסימיזם איז נאר אן אויסדרוק פון אן אפגע־שוואכטען, אינוועניג געבראכענעם ווילען צום לעבען. די לעבענס־דארשט און די טאנצענדע לעבענס־פרייד, וועט שלאגען פון דעם אויבער־מענשען, ווי א פאנטאן (מאזורקא!)

אין זיין פריידיגען מאכט־פולען שאפען וועט ער זיך דער־הויבען צו דער העכסטער מדרגה פון העלדישקייט און גבורה, ניט נאר איבער דער דרויסענדיגער וועלט, נאר אויך איבער דעם איי־גענעם גוף און איבער דעם אייגענעם לעבען.

ער וועט זיין אן אכזר צו אלץ, וואס האט אפגעלעבט און מוז באקעמפט ווערען, אבער ער וועט ניט שאנעווען אויך זיך אליין, אהן רחמנות אויף זיך און אויף אנדערע וועט ער שטעלען דאס אייגענע לעבען און דאס פרעמדע לעבען אין קאן פאר זיינע צילען. קיינע אויטאריטעטען, מנהגים, און טראדיציעס וועלען ניט

פרידריך ניטשע

האבען קיין ברעקעל שליטה אויף זיין גייסט. ער וועט זיין א ב־ ס א ל ו ט פ ר י י. אבער דאס וועט ניט זיין די פרייהייט פון א צולאזענעם חזיר, וואס האט קיין השגה ניט פון האלטען זיך אין צוואנג. פריי וועט דער אויבער־מענש זיין, כדי א ל י י ן, אהן קיינעמס שליטה, אויסצוארבייטען פאר זיך יענע „לוחות הברית," יענע נייע „טאוולען פון געזעץ," וועלכע ער וועט א ו י פ־ ה ע נ ג ע ן א י ב ע ר ז י ך, ו ו י א צ ו ו א נ ג, ו ו י א ז א ו מ ב א ד י נ ג ט ע פ ל י כ ט, לויט וועלכער ער וועט לעבען, כדי צו דערשטרעבען דאס העכסטע. (דער קאטעגארישער אימפעראטיוו!).

און שטרעבען וועט ער צו דעם העכסט אויף זיין אייגענעם וועג מיט דער גאנצער מאכט פון זיין ליעבע און פון זיין האס. און אלץ פאראויס, מיט א נביאים'שער זעהונג אין די ווייטע צו־ קונפטען, ניט דאס פ א ט ע ר ל א נ ד וועט איהם אינטע־ רעסירען, צוליעב דאס ק י נ ד ע ר ־ לאנד וועט ער לעבען. ניט די פארגאנגענהייט וועט האלטען געפאנגען זיין געפיהל, נאר די צוקונפט, יענע בעסערע צוקונפט, וועלכע ער, דער אויבער־מענש וויל ב א ש א פ ע ן, וויל ארויסברענגען אדער העלפען ארויס־ ברענגען דורך זיין אייגענעם ווילען און מאכט.

אבער פארוואס זאל דער אויבער־מענש לעבען צוליעב דער צ ו ק ו נ פ ט? פארוואס לעבען צ ו ל י ע ב ד י א נ ד ע־ ר ע, וועמעס צוקונפט ער וויל געשטאלטען?

ניט אויס ר ח מ נ ו ת צו שוואכע און ליידענדע, נאר מחמת א גאנץ אנדערען געפיהל. אויס ד ע ר פ ו ל ק י י ט פ ו ן ל י ע ב ע צו די מיט־אויבער־מענשען און די אונטער־ מענשען. אויס דער פולקייט פון יענער שפע, וואס ער קאן זיי געבען, וואס וויל „זעהען אויסגעשטרעקטע הענט." דער „אויבער־ מענש" איז ווי א מוטער מיט פולע בריסט, וואס וויל געזויגט ווערען.

פרידריך ניטשע

„שטארק, ווי א לייב און מילד, ווי א טויב," — אט דאס איז די קורצע פארמעל פאר דעם אויבער־מענשען.

און זאך דארף אבער ניט ארויסגעלאזען ווערען פון אויג ביי אט דער לעהרע. זי איז ניט געמיינט געווארען א י ן א ס א צ י א ל י ס ט י ש ־ ד ע מ א ק ר א ט י ש ע ן ז י ן, נאר אין אן א י נ ד י ו ו י ד ו א ל י ס ט י ש ־ א ר י ס ט א ק ר א ט י ש ע ן.

ניט א ל ע מענשען וועלען ווען עס איז דערהויבען ווערען צו דערזעלביגער הויך און אויסגעגליכען ווערען אין איהר. און ניט אלע די, ביי וועמען דער לעבענס־טעמפא וועט געשטייגערט ווערען, וועלען האבען אין זיך די העכסטע טוגענד פון אלע טוגענדען, די „שענקענדע ליעבע." עס וועלען אלעמאל בלייבען ה ע ל ד ע ן און מ א ס ע ן. און צווישען גיגאנטישע פיגורען, וואס וועלען ארויסגעבראכט ווערען, וועלען אויך זיין אזוינע, וואס וועלען פארקערפערען אין זיך די גיפטיגסטע בייז. דעם גרויסען העלד וועט אויך אויסוואקסען דער גרויסער „דראך", אויף וועמען ער וועט דארפען באווייזען זיינע גבורות און נצחונות. און די מאסען וועלען בלייבען און זאלען בלייבען מאסען־מענשען, כדי דער „משפיע" זאל האבען זיינע „מקבלים", די וואס נויטיגען זיך אין זיין שפע, די, וועמען די שענקענדע ליעבע פון דעם העלד קאן עפעס געבען.

אויף אזא'ן אופן דארף אן אידעאלע קינפטיגע געזעלשאפט ניט זיין קיין געזעלשאפט פון ג ל י י כ ע. אפשטופונגען און ראנג־ארדנונג וועלען הערשען אין איהר. אויף דער העכסטער מדרגה פון „אויבער־מענשענטום" וועט שטעהן דער פרייער־דענקער, וואס איז אבער אויך אין דערזעלביגער צייט דער נביא און דער מאראלישער רעפארמאטאר, דער „זיך־זעלבסט־באשאפער", וואס באשאפט נייע ווערטען פאר דער מענשהייט.

זיינע געדאנקען און אידעאלען וועלען דורך זייער אינוועניגסטער מאכט און פראכט ארויפגעצוואונגען ווערען אויף אסך־

פרידריך ניטשע

ראט אזעלכע פרייע, שטארקע און איידעלע תלמידים; יענע וועלען מיט זייער מאכט, וואס וועט זיך ניט אפשרעקען פאר פיזישער געוואלט, דורכזעצען דעם נייען ווילען אין דעם לעבען פון דעם כלל, ארויפצווינגען די נייע מאראלישע געבאטען אויף אלע זיינע טיילען, לויט דער נויטיגער היערארכישער אפשטופונג און ראנג־ארדנונג, וואס וועלען דארפען הערשען אינ'ם לעבען. — ארויפצווינגען, כל־זמן ביי די מאסען וועט זיך ניט אויסבילדען די טוגענד פון דעם פרייען „טאן פאלגען", כל־זמן זיי וועלען נישט איינזעהען, אז אזוי דארף זיין, אז דער העכסטער לעבענס־אידעאל פאדערט זייער אונטעריאכונג אונטער זיין מאכט.

די דענקער וועלען אין זייער „שענקענדער ליעבע" באשאפען די נייע ווערטען, די תלמידים פון די דענקער וועלען זיין דער הערשענדער קלאס, וואס וועט פארוואלטען אלע ענינים פון דעם לעבען ניט צוליעב קיין אנדער צוועק, ווי נאר צוליעב פארווירקליכען די פאדערונגען פון דעם ליעבע־פולען געדאנק, און דער ליעבע־פולער געדאנק וועט תמיד זיין פאראינטערעסירט אין דער שטייגערונג פון די לעבענס־כוחות און דער אינדיווידואליטעט ביי יעדען איינעם, אין דער העכער־בילדונג פון דעם מהות־מענש, אין דער ארויסברענגונג פון אלץ גרעסערע מענשען און אלץ גרעסערע ווערק.

ניטשע'ס לעהרען וועגען דעם „אייביגען ווידערקום", דעם „ווילען צו מאכט", ווי דעם תוך פון דער וועלט, און דעם „איבערמענשען", ווי דעם ציל און דעם זין פון דעם מענשליכען לעבען, זענען די דריי הויפט־זיילען פון זיין אייגענעם פילאסאפישען געביי. זיי זענען די לייכטענדע שטערען, וואס העלפען איהם „איבערשאצען אלע ווערטען" (די „אומווערטהונג אללער ווערטהע") און אנווארפען די גרונט־ליניען פון א נייער קולטור.

דער רעזולטאט פון דער אומווערטונג איז אזא, אז דאס רוב אלטע ווערטען ווערען אינגאנצען אוועקגעווארפען, אייניגע פון זיי

פרידריך ניטשע

געהען ארויס בשלום אין א שטארק מאדיפיצירטער פארם. אנדערע אבער ווערען אריבערגעטראגען אין זיין סיסטעם. כמעט ווי גישט אנגעריהרט פון דעם פלאם פון זיין קריטיק.

ראדיקאל פארוואנדעלט ווערען אלע רעליגיעזע ווערטען און אנשויאונגען, וואס שטאמען פון א גלויבען אין א גאט און אין אן איבערנאטירליכע יענע וועלט. צוריקגעשטויסען ווערען אויך אלע יענע מאראלישע אפשאצונגען, וואס זענען געגרינדעט אויף א פעסימיסטישען „בטול היש", דעם רחמנות־געפיהל צו אלע ליידענדע, און דער הכנעה פאר א וועלכער עס איז דרויסענליכער אויטאריטעט.

שטארק מאדיפיצירט ווערען אבער דערביי די מאראל פון ליעבע און די פליכט־מאראל.

אויף דעם ערשטען בליק קלינגט זיין לעהרע פון דער „שענ־סטענדער ליעבע" אין פולער הארמאניע מיט דעם קריסטענטום און די לעהרען טלסטאי׳ס. אבער צווישען ניטשע׳ס מאראל־פילא־סאפיע און דער קריסטליך־טאלסטאיאנער הערשט א גרויסער חילוק. דאס קריסטענטום אין טאלסטאי׳ס אינטערפרעטאציע פרעדיגט ליעבע — און נאר ליעבע — צו אלע מענשען אהן אן אונטער־שייד פון זייער מהות, — די ליעבע צו דעם „נאהענסטען", דעם „שכן", מחילה וסליחה אפילו צו דעם „זינדיגען."

ניטשע׳ס ליעבע איז ווייט פון אזא ברייט־הארציגקייט, אדער — ווי ער וואלט זיך אויסגעדריקט — „שוואך־הארציגקייט." ליע־בען זאל מען נאר ליעבען די, וואס פארדינען עס, און אויב אלע נאהנטע פון דעם היינט פארדינען עס ניט, זאל מען זיי האסען בתכלית השנאה, און ליבען מיט דער גאנצער קראפט דעם אי־דעאל פון א מענשען, וואס קאן ווערען א ווירק־ליכקייט אין דער ווייטער צוקונפט. און אזוי ווי דער גרויסער איבער־מענש שטעהט אלע מאל — און וועט אלע מאל שטעהן — העכער פאר זיין סביבה און זיין היינט, וועט זיין

פרידריך ניטשע

גרויסע ליעבע אלע מאל זיין געווענדט צו דער ליכטיגער צוקונפט. פאר וועלכער ער קעמפט, אהן קאמפראמיסען און אהן רחמנות צו דעם שוואכען ליידענדען היינט.

אין אט דעם קאמף פאר דער העכערער בעסערער צוקונפט קאן דער העלד ניט דורכפיהרען זיין מיסיע, סיידען ער זאל ארויפלעגען אויף זיך גופא שארפע *פליכטען*. וואס זאלען באהערשען זיין ווילען און זיינע מעשים. אין דער שטרענגקייט פון די מאראלישע פאדערונגען. וואס ניטשע שטעלט דא אוועק פאר דעם יחיד, געהט ער זיך ניט פאנאנדער מיט אלע גרויסע און ערנסטע פליכט־טעארעטיקער, פון די סטאיקער אן ביז אויף קאנט און פיכטע. דאס „נייע", וואס ניטשע באטאנט אין זיין לעהרע, באשטעהט נאר אין איין פונקט: די פליכט דארף זיין א *זעלבסט־געשאפענע*, א סוביעקטיוו־אינדיווידועלע, א פרייוויליג ארויפגעלעגטע אויף זיך, צוליעב די אייגענע, זעלבסט־אויפגעבויטע העכערע צילען. יעדעם בויגען זיך פאר א פרעמדער פליכט פון א וועלכען עס איז דרויסען, וואס שטעלט זיך אוועק אנטקעגען מיין אייגענעם ווילען, איז שקלאוועריי און אומווירדיג פאר א פרייען מענשען.

עס איז דא דער ארט צו באמערקען אז *די זעלביגע באדינגונג* פון „*אויטאנאמיע*", פון „זעלבסט־געזעצליכקייט" און פרייהייט פון א וועלכער עס איז פרעמדער אויטאריטעט, שטעלט אויך *קאנט* אוועק פאר זיין קאטעגארישען אימפעראטיוו. פון זיין אייגענעם שטאנדפונקט האט ניטשע געהאט א רעכט אנצופאלען נאר אויף קאנט'ס *טעארעטישער באגרינדונג* פון דעם קאטעגארישען אימפעראטיוו. אויף וויפיעל ניטשע פאלט אבער אן — מיט אזויפיעל האס און סארקאזם — אויף קאנט'ס קאטעגארישען אימפעראטיוו גופא, אויף דער *אידעע* פון זעלבסט־געוועהלטע מאראלישע פליכטען, איז דאס א פראדוקט פון זיין *סקעפטישען* פעריאד, וואס איז געשטאנען אונטער דער שליטה פון „אללעם איסט ער־

לאובט". אין די שפּעטערע יאהרען איז דאָס געווען אַ פּראָדוקט פון אַ באַדויערליכען פּאַרזעהן און פון אַ מיספאַרשטענדניש.

נאָר כמעט אינגאַנצען אומבאַריהרט זענען פון ניטשע'ס פייער־פּראָבע אַרויס די יסודות פון דעם איצטיגען סאָציאַלען און עקאָנאָמישען לעבען, ווי אויך די איצטיגע פעלקער־באַציהונגען אין קריג און פרידען. אמת, זיי האָבען פאַרלוירען אין זיינע אויגען יעדע רעליגיעזע און מאָראַלישע הייליגקייט. אָבער ער קאָן זיך נישט אָפּזאָגען פון זיי, ווייל ער זעהט אין זיי אַ מיטעל, וואָס האַלט אויף דעם לעבענס־קאַמף צווישען מענש און מענש, צווישען פאָלק און פאָלק, — אַ קאַמף, אין וועלכען די שוואַכערע דאַרפען פאַלען און די שטאַרקערע דאַרפען אַרויסגעהן געלייטערט און געשטאַרקט.

אַ דאַנק אָט דער שטעלונג זיינער צו די וויכטיגסטע פּראָבלעמען פון אונזער צייט, — צו דער אָפּשאַפונג פון דער סאָציאַלער אומגלייכהייט און פון דעם קריג צווישען פעלקער, — מוז ניטשע צוגערעכענט ווערען צו די בירגערליכע פילאָסאָפען. ער איז אפשר דער ראַדיקאַלסטער און פרייסטער פון זיי. אָבער אויך זיין געדאַנק האָט אין די פּראַקטישע אויספיהרונגען נים געקאָנט איבערשפּרייזען די גרעניצען פון דעם איצטיגען סאָציאַלען סיסטעם.

4.

קריטישע שלום־באַמערקונגען: ניטשע און דער סאָציאַליזם.

שרייבען א קריטיק אויף ניטשע'ס וועלט־אנשויאונג און לע־בענס־בליק קאַן ניט אריינגעהן אין די אויפגאבען פון מיין קור־צער איילינגער סקיצע, וואס כאראקטעריזירט די הויפט־עטאפען פון זיין פילאָסאָפישער אנטוויקלונג. צוליעב אן ערנסטער קריטיק וואָלט מען געדארפט געבען א גרינדליכען אנאַליז ניט נאָר פון זיינע גרונט־פרינציפען, נאָר אויך פון די וויכטיגסטע איינצעל־גע־דאנקען און פון זייער אינוועניגסטער שיכות אין דעם סיסטעם. נאָר אויף אזא'ן אופן וואָלט מען געקאָנט קומען צו אן אומפארטייאי־שער אפשעצונג פון ניטשע'ס פילאסאפיע, פון איהרע מעלות, איה־רע חסרונות, איהר ווערט און איהר אָרט אין דער פילאָסאָפישער אנטוויקלונג פון אונזער צייט.

מיר קאָנען אבער ניט אנידערלעגען די פעדער, איידער מיר מאכען א פאָר קריטישע באַמערקונגען, וואָס ריהרען ניט אָן די הויפט־פונדאמענטען פון זיין געביי. אין ערשטער ליניע אינטע־רעסירט אונז דאָ זיין שטעלונג צו דעם סאציאליזם, — א שטעלונג, וואס איז דורכאוים ניט בארעכטיגט פון זיין אייגענעם שטאנד־פונקט.

ניטשע פראטעסטירט מיט דער גאנצער מאכט פון זיין ליי־דענשאפטליכען געדאנק, אנטקעגען די איצטיגע מ ע נ ש ע ן,

פרידריך ניטשע

מיט זייער אפגעשוואכטער לעבענס־ענערגיע, מיט דעם שקלאווישען געמיט, מיט דעם פארווייכליכטען ווילען; ער פראטעסטירט אנט־קעגען דעם איצטיגען גרויען לעבען, וואס לאזט זיך צופרידען שטעלען מיט ווייניג און קליין.

ניטשע וויל האבען מענשען שטארקע אין קערפער און גייסט, מיט הייסע דרום־בלוט אין די אדערען, מיט א ברויזענדער לעבענס־ענערגיע, וואס זאל שפריצען פון אלע פארען, פול מיט פרייען העל־דענמוט און באשאפערישען ווילענס־דראנג, און א לעבען־וויל ער א זוניגען, א „דרום'דיגען", וואס זאל קאכען מיט נייע גרויסע טאטען.

און ער זעהט ניט איין, אז איינע פון די וויכ־טיגסטע אורזאכען, — הגם געוויס נישט די איינציגע, — פון דעם מיזעראבעלען איצטיגען זיין און פון די צרה'דיגע פאר־נעבעכטע מענשליכע נשמות, מיט וועלכע די מענשהייט איז איצ־טער איבערפילט, ליגט אין די עקאנאמישע און סאציאלע יסודות פון אונזער געזעלשאפטליכען לעבען. ניטשע האט זיך צו ווייניג אריינגעטראכט אין דעם סאציאליסטישען געדאנקען־גאנג. ער האט זיך נישט איינגעהערט גוט אין דער סאציאליסטישער קריטיק פון מענש און לעבען, אין דעם סאציאליסטישען אנאליז פון די אור־זאכען, וואס האבען מענש און לעבען געמאכט אזוינע ווי זיי זע־נען, און אין די סאציאליסטישע אידעאלען, וואס דארפען באשאפען אן אנדער לעבען און אנדערע מענשען; גראד אזעלכע, נאך וועל־כע עס האט געבענקט ניטשע'ס הארץ.

אין דעם סאציאליזם האט ער קודם כל געזעהן ריין־מאראלישע פאדערונגען, וואס ווילען אויס רחמנות צו די מאסען, אויס דעם יושר־געפיהל צו זיי, ארייגזעצען אלעמען אין א וואר־רעמליכער וואנע פון אלגעמיינעם גליק, פאנאנדערטיילענ־דיג דאס ביסעל עשירות, וואס איז דא, גלייך צווישען אלעמען: „מיר א פיצעל, דיר א פיצעל". ער האט געזעהן אין דעם נאר א נייע

פ ר י ד ר י ך נ י ט ש ע

וואַריאַציע פון בירגערליכער גלייכמאַכעריי, פון אייביגער צופרידענקייט אין קליינע האָריזאָנטען.

דער אידעאַל פון א ווייכליך־וואָרעמליבען גליק אָהן גרויסע אויפגאַבען, אָהן קאַמפען און אָהן קרבנות צוליעב די אויפגאַבען, שלאָגט איהם צו דער גאַל; ער האָט ז י ך ניט געוואונשען אַזאַ גן־עדן און האָט ניט געקאָנט ווינשען איהם קיינעם ניט.

דערנאָך האָט זיך איהם געמוזט וואַרפען אין די אויגען יענע א י י נ ז י י ט י ג ק י י ט פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע, וואָס דערטרינקט דעם מענשען אין די לעבענס־אומשטענדען און דעם שאַפענדען זשעניע — אין די גרויסע מאַסען.

דאָס איז טאַקע א געוואַלטיגע איינזייטיגקייט, אין וועלכער עס איז אָבער שולדיג ניט די טעאָריע, נאָר איהר פאַלשע אויסטייטשונג. אויסגעוואַקסען איז זי אין די ע ר ש ט ע פאַזען פון דעם סאָציאַליסטישען געדאַנק, דער עיקר ביי דעם ק א מ ו ר נ י ס ט א ו ע ן. אונטער דעם איינפלוס פון דעם פראַנצויזישען מאַטעריאַליסט ה ע ל ו ו ע צ י א ו ס, האָט מען געגלויבט, אז אלע מענשען קומען אויף דער וועלט מיט פונקט די גלייכע נשמות; אלע נשמות — א „לעדיג בלאַט פאַפיר", אויף וועלכען די ע ר צ י ה ו נ ג שרייבט אַרויף דעם צעטעל פון דעם מענשענס פ ע ה י ג ק י י ט ע ן, קענטנישען, מעלות און חסרונות. לויט העלוועציאוס, איז אפילו ג ע נ י א ל י ט ע ט און באַשאַפערישע כוחות א פראַדוקט פון ע ר צ י ה ו נ ג אין דעם ברייטען זין פון דעם וואָרט. אָוען האָט דעם געדאַנק פון דער פעדאַגאָגישער אַלמאַכט איבער דער מענשליכער נשמה, פאַרוואַנדעלט אין דעם געדאַנק פון דער סאָציאַלער אַלמאַכט. דער ערציהער פון דעם מענשען איז דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען, און אַזוי ווי ז י י ן מענשליכער אידעאַל איז געווען דער ק ר י ס ט ל י ך ל י ע ב ע נ ד ע ר מ ע נ ש, האָט ער געטראַכט וועגען אַזאַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, וואָס זאָל אויפשרייבען אויף

פרידריך ניטשע

אלעמענס לעדיגע בלעטלעך דעם אייבינען „ואהבת" און זאל ארויסברענגען קריסטליך־ליעבענדע הערצער.

אויף אזא'ן אופן איז פארטונקעלט געווארען די באדייטונג פון די אייגנגעבוירענע פעהיגקייטען, אפגעווישט געווארען די אומגעהויערע נפקא מיניה צווישען דעם טאלאנט, דעם זשעניע, — די באשאפער פון נייע גרויסע ווערק, — און דעם געוועהנליכען בשר־ודם.

אפילו אזעלכע דענקער, ווי לאסאל און מארקס, וואס — ווי מען קאן דאס באווייזען, — זיינען געווען לגמרי פריי פון פארטרינקען דעם פסיכא־פיזיאלאגישען עלעמענט אין דעם סאציאלען, האבען אראפגעשרויבט די באדייטונג פון די באשעפערישע זשעניען, פון די אויסדערוועהלטע איינצעל־מענשען, פאר דער אנטוויקלונג פון דער מענשליכער געשיכטע. ניט אפלייקענענדיג זייער עקזיסטענץ, זייער מהות, און זייער ראלע אין די גרעניצען פון זייער צייט, האבען זיי זיך נעפלייסט צו באווייזען, אז ניט זיי, ניט די גאונים באשטימען די צייט, נאר אז די צייט באשטימט סיי די גאונים, סיי די מאסען, וואס געהען נאך זיי.

„דאס לעבען און נאר דאס לעבען פורעמט די מענשען" איז דער איינזייטיגער כלל־גדול, וואס האט באשטימט כמעט דעם גאנצען סאציאליסטישען געדאנק. דער סאציאליזם האט זיך דעריבער זעהר ווייניג אינטערעסירט מיט דעם יחיד, דער אינדיווידועלער מענשליכער פערזענליכקייט, און מיט די פראבלעמען, ווי אזוי זי אויפצוהויבען אויף א העכערער הויך. עס וועט זיין אן אנדער לעבען, וועלען ממילא זיין אנדערע מענשען. וואס פאר א מהות מענש עס זאל באוואוסטערהייט ארויסגעבראכט ווערען, האט אפילו דעם וויסענשאפטליכען סאציאליזם נישט אינטערעסירט, ווייל'ער האט בכלל געלייקענט, אז מען קאן וואס עס איז באוואוסטערהייט ארויסברענ־

נען. דאס לעבען ברענגט זיך ארוים, לויט די אייזערנע גע־זעצען, וואס הערשען אין איהם, און ממילא וועט ער ארויסברענ־גען יענעם מין מענש, וואס וועט זיין צוגעפאסט צו איהם, — אלץ איינס, צי אונז, איצטיגע, וואלט יענער מין מענש געפעלען גע־ווען, צי ניט. דערמיט איז דער גאנצען עניין פון דעם העכערען מהות־מענש אפגע׳פטר׳ט.

פון דעם סאציאליזם האט אפגעשטויסען ניטשע׳ן אויך אט די איינזייטיגקייט און די אפלייקענונג פון דער מאכט פון די מענשליכע אידעאלען אויף דעם גאנג פון דער געשיכטליכער אנט־וויקלונג. ער האט געפרואווט אויסגלייכען דעם פארקרימטען שטע־קען, אויסבויגענדיג איהם אויף דער אנדערער זייט. ניט דאס לעבען מאכט די מענשען, נאר די מענשען מאכען דאס לעבען. און וואס פאר א מהות מענשען מען האט, אזא לעבען לעבט מען. דער מענשליכער מהות הענגט אבער אפ פון דעם בלוט, וואס אין די אדערען און פון דעם ווילען אין דעם הארצען. לאמיר אנהויבען וועלען אז אנדער מין מענש, וועלען מיר אויסגעפינען מיטלען, ווי אזוי אויך ביאלאגיש צו פארבעסערען זיין בלוט, ווי אזוי אויפצוהויבען אויף א העכערער מדרגה זיין ראסע.

ווער זאל וועלען? מיר, די גרויסע, די באשאפער, די גאונים! און אז מיר וועלען דאס וועלען, וועלען מיר דאס דורכ־פיהרען! ווייל מיר און ניט די מאסען באשאפען דאס לעבען.

וואלט ניטשע זיך נישט געפיהלט אפגעשטויסען פון דעם סא־ציאליזם, מחמת געוויסע אויבערפלעכליכקייטען און איינזייטיג־קייטען, וואס ווערען געפרעדיגט אין זיין נאמען; וואלט זיך ניטשע אביסעל טיפער אריינגעהערט אין דעם גרונט־טאן פון דעם סאציא־ליסטישען געדאנק, דאמאלט וואלט ער אין איהם געזעהן ניט דעם „גיהנום־הונט", נישט דעם פיינט, וועלכען מען דארף באַ־קעמפפען אויף שריט און טריט, נאר דעם פארבינדעטען אין קאמף, וואס דערקלערט אסך זאכען אין ניטשע׳ס אייגענעם געדאנקען־

גאנג, און וואס האט די מאכט, צו פארווירקליכען יענעם אידעאל, צו וועלכען ניטשע שטרעבט.

דער לעבענס־טעמפ פון דעם מענשען איז געפאלען. זיינע אינטערעסען און השגות זענען געווארען ענגע און קליינע. פאר ניטשע'ן, דעם ביאלאג, האט קודם כל געדארפט שטעהן די פראגע: וואס זענען די ביאלאגישע אורזאכען פון אזא פיזישער אפגעשוואכקייט אין די העכערע שיכטען פון דער געזעלשאפט, ווייל נאר מיט זייער לעבען אינטערעסירט ער זיך דאך?

עס וואלט איהם נישט געקאסט קיין סך מיה איינצוזעהן, אז ביאלאגיש ווערט די ערשיינונג צוריקגעפיהרט צו דער אפשוואכונג פון דער מוסקעל־קראפט. פון וואנען נעמט זיך אבער אט די אפשוואכונג? דא מוז שוין דער ביאלאג אנקומען צו דעם סאציאלאג. זי נעמט זיך פון יענער ארבייטס־טיילונג אין דער געזלשאפט, וואס האט פאנאנדערגעשפאלטען די מענשליכע ארבייט אין א ריין־פיזישע און א גייסטיגע, און האט באשאפען אזעלכע עקאנאמישע באדינגונגען, אז די פארטרעטער פון דער פיזישער מוסקעל־ארבייט האבען קיין צייט נית צו אנטוויקלען זייער גייסט, און די פארטרעטער פון די גייסטיגע באשעפטיגונגען האבען ניט דעם חשק און אפטמאל אויך ניט די צייט, צו ארבייטען פיזיש. דער פועל־יוצא פון אזא געזעלשאפטליכער ארבייטס־פארטיילונג מוז זיין: אפגעשוואכטער קערפער אויף איין זייט און פארטעמפטער גייסט אויף דער אנדערער.

ניטשע פארווארפט דעם איצטיגען מענשען אויך מחמת דעם, וואס ער איז ניט קיין גאנצער מענש, נאר א שערבעל פון א מענשען. די איצטיגע זשעניען זענען אויך אפטמאל ניט קיין אנדער זאך, זאגט ער, ווי א פארהויקערטע אויסבילדונג פון איין איינציגער פעהיגקייט אויף דעם חשבון פון אלע אנדערע.

וואס זענען די ביאלאגישע אורזאכען פון אט דער ערשיינונג?

פרידריך ניטשע

אויך דא וועט דער ביאלאג זיך מוזען ווענדען צו דעם **סאציאלאג**, צו די **געזעלשאפטליכע** לעבענס־אומשטענדען. וועלכע אנדערע אורזאכען האבען געקאנט ארויסברענגען די צושערבעלונג פון דעם מענשליכען מהות, אויב נישט דיזעלבינע **ארבייטס־טיילונג** אין דער געזעלשאפט, וואס פארמשפט דעם ארבייטער צו ווערען א שרייפעל אין א מאשין און דעם מוזיקער צו זיין בלויז א „גרויסער אויער מיט א פיצינקען פנים'על, וואס באמבעלט זיך אויף א קליין דין שטעקעלע?"

אין דער פויערימשאפט געפינט נאך אויך איצטער ניטשע גאנצע אוצרות פון ניט געבראכענעם לעבענס־קראפט. אויך דא קאן דער ביאלאג מיט זיינע אייגענע מיטלען ניט דערקלערען אינגאנצען, פארוואס די דארפישע האבען נאך אזויפיעל לעבענס־קראפט אין זייערע אדערען, בעת די שטאדטישע ווערען אפגעשוואכט און קערפערליך פארהויקערט. אויך דא טאר ניט ארויסגעלאזען ווערען פון אויג דער **סאציאלאגישער** הינטערגרונט: די פאנאנדעררייסונג פון שטאדטישע און דארפישע באשעפטיגונגען, דער פאנאנדערפאל פון דער געזעלשאפט אין שטאדט און דארף.

און אזוי קאנען מיר ברענגען ביישפיל נאך ביישפיל פון יענע וואונדען, וועלכע ניטשע דעקט אויף אין דעם איצטיגען לעבען און דער איצטיגער מענשהייט. און אומעטום וואלט זיך ארויסגעשטעלט, אז מיט **ריין** בילאגישע און פסיכא־פיזיאלאגישע פראצעסען קאן מען זיי נישט דערקלערען **אינגאנצען**, — אז יענע ריין־נאטירליכע פראצעסען האבען געקאנט זיך פאנאנדערוויקלען נאר **אויף א באשטימטען סאציאלען באדען**, אויף דעם באדען פון א געזעלשאפט, וואס איז איינגעטיילט אין הערשענדע און באהערשטע, אין ארבייטער און לעדיגגעהערס, און וואו דער גאנצער איינהייטליכער מענשליכער ארבייטס־פראצעס איז צופיצעלט אין איינצעלנע טייל־אפעראציעס.

וואס פארוואנדלען די מענשען אין „שערבלער“, אין פראגמענטען פון א גאנצער מענשליכער איינהייט.

און אקוראט אזוי ווי די סאציאליסטישע טעאריע גיט די ריכטיגע דערקלערונג פאר יענע לעבענס־ערשיינונגען, אויף וועלכע עס קלאגט דער נביא ניטשע, אזוי וויזט זי אויך אן דעם וועג, אויף וועלכען די געזעלשאפט מוז ארויפגעהן, כדי פטור צו ווערען פון יענע פורעניות'ען.

קיין סאציאליסט וועט זיך ניט אפזאגען פון יענער מענשליכער אידעאל־פיגור, וואס האט זיך געטראגען פאר ניטשע'ס אויגען אין דער געשטאלט פון דעם „אויבער־מענש“. און יעדער סאציאליסט וואלט וועלען, אז א ל ע מענשען זאלען אויפגעהויבען ווערען אויף דערזעלביגער הויכער מדרגה. נאך מעהר: אויב ערגעץ־וואו אין דעם איצטיגען לעבען קאן מען נאך אנטרעפען טיפען, וואס דערנעהנטערען זיך צו דעם „אויבער־מענש“־אידעאל, וואס איז „שטארק ווי א לייב און מילד ווי א טויב“, וואס „פארווארפט זיין בענקשאפט“ ווייט איבער די גרעניצען פון דעם היינט, וואס, — ביי זיין גאנצער לעבענס־לוסט און לעבענס־פרייד, — שענקט ער אוועק, אוים ליעבע, זיין ברויזענדע ענערגיע און זיין שטאלערנעם ווילען, — אפטמאל אויך זיין גאנצען לעבען, — דעם אידעאל, וואס האט באהערשט זיין נשמה, — קאן מען דאס אנטרעפען נאר צווישען די העלדען פון דעם סאציאל־רעוואלוציאנערען קאמף. נאר אין דער געשיכטע פון דעם רעוואלוציאנערען קאמף און פון די העלדען, וועלכע ער האט ארויסגערופען אין לעבען, שטויסען מיר זיך אן אויף מענשען פון דעם „זאראטוסטרא“־טיפ, דעם נאהנטסטען צו דעם „אויבער־מענש“.

אין דער איצטיגער געזעלשאפט זענען אזעלכע מענשען נאר אויסנאמען, און מיט קינסטליכע מיטלען, וועלכע ניטשע שלאגט פאר, קאן מען, ווי אין אן אראנזשערעע, אויפציהען נאר ווענינע עקזעמפלארען פון דעם מין. ערשט דער סאציאליסטישער איבער־

קעהר וועט מאכען מעגליך, אז אזעלכע נאטורען זאלען זיך פאנאנ־דערבליהען און פאנאנדערוואקסען אונטער דעם פרייען הימעל.

וואס ניטשע'ן שרעקט אפ פון דעם סאציאליזם, איז די מורא, טאמער וועט די אפשאפונג פון דעם סאציאלען־קאמף אין דער גע־זעלשאפט און פון דעם נאציאנאלען קאמף צווישען די פעלקער אפ־שאפען אויך יעדען קאמף צוליעב נצחון און דעריבער אפ־שטעלען די טרייב־קראפט פון דער פראגרעסיווער אנטוויקלונג.

איך וויל דא נישט אויפהויבען די פראגע, צי געהערט טאקע דער קאמף צוליעב נצחון צו די נויטווענדיגע טרייב־קרעפטען פון דעם ביאלאגישען פראגרעס. איך וויל זיך דא נישט איינרייסען מיט די גרונט־פרינציפען פון ניטשע'ס לעהרע, הגם, מיר האבען שוין געזעהן, אז ניטשע פארשטעהט דעם „קאמף אום מאכט" אין א גאנץ ברייטען מעטאפיזישען זין, אזוי. אז אויך די פלאנצען־וועלט מיט איהרע מערקווירדיג שעהנע און קרעפטיגע ארגאניזמען ווערט אויך דערקלערט דורך דעמזעלביגען פרינציפ. אין דער פלאנצען־וועלט — ווי אויך אין דער אנימאלי־שער—באמערקט מען אבער ניט קיין קאמף צוליעב נצחון, — ווע־ניגסטענס ניט קיין פסיכאלאגיש־באוואוסטזיניגען, ווי ביי דעם מענשען.

על־כל־פנים איז דאך דער „קאמף אום מאכט" און צוליעב גאט ניט באגרעניצט אויף די פעלדער פון דעם פיזישען קריג צווישען פאלק און פאלק און פון דעם סאציאל־עקאנאמישען קריג צווישען מענש און מענש. און אט דער קאמף האט דאך שוין אונז באוויזען, וועלכע מהות'ען „מענש" ער ברענגט ארוים: ברוטאלע סאלדאפאנען אין דער אינטערנאציאנאלער פא־ליטיק; פוקסיגע, טרוקענע געלט־מענשען אין דעם געזעלשאפט־ליכען לעבען. פאר אזויגע העלדען וועט זיך אויך ניטשע איידעל באדאנקען.

אז אנדער „קאמף אום מאכט און נצחון" ווארט אויף

דעם מענשען, ווען מען וועט אינגאנצען פטור ווערען פון די סאָל־דאַפאַנען און די געלט־זעק. דער „קאַמף אום מאַכט“ פון דעם קינסטלער, דעם באַשאַפער בכלל צוליעב דעם נצחון איבער דער „מאַטעריע“, וועלכע ער באַארבייט און געשטאַלטעט אויפ׳ס ניי; דער „קאַמף אום מאַכט“ פון דער גאַנצער מענשהייט איבער דער דרויסענדיגער נאַטור; פון יעדען מענשען — איבער זיין אייגענע אינוועניגסטע נאַטור, און דער „קאַמף אום מאַכט“ פון דעם לייַדענשאַפטליכען דענקער, וואָס וויל ד ו ר ך ז י י ן ג י י ס־ט י ג ע ר ק ר א פ ט אַרויפצווינגען זיינע געדאַנקען אויף דער מיטוועלט: דער „זאַראַטוסטראַ“־קאַמף פאַר אַן אידעאַל.

אַט די קאַמפען זענען אויך אין ניטשע׳ס אויגען אסך חשוב׳ער, מענשליכער, „איבער־מענשליכער“, איידער די רייסעריי פאַר לענ־דער און פאַר געלט, מעהר געלט. אבער אַט די קאַמפען קאָנען זיך פאַנאַנדערשפּילען אין זייער גאַנצער רייכקייט פון מאָטיווען, קאַמף־מעטאָדען און נצחונות ערשט א י ן א ס א צ י א ל י ס ט י־ש ע ר ג ע ז ע ל ש א פ ט, וואָס וועט באַפרייען די מאַסען פון דער עקאָנאָמישער נויט און וועט אויסטריקענען דעם זומפּיגען לע־בען אונזערען, דעם פאַרגיפטעטען מיט די מיאַזמען פון דעם פעל־קער־קאַמף און דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישען קאַמף.

ניטשע האָט אויך ניט איבעריגס געדאַרפט דאגה׳נען, טאָ־מער חלילה פאַרשווינדען מיט דעם סאָציאַליזם אַלע יסורים און ליידען פון דער מענשליכער וועלט. זאָל נאָר זיין לעבען: מיט צרות וועט י ע ד ע ר לעבען זיין פאַרזאָרגט, אפילו אין א סאָ־ציאַליסטישער געזעלשאַפט. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס דער סאָ־ציאַליזם קאָן נישט אָפּשאַפען דעם טויט, איז אַן ערבות, אַז דער טראַגישער עלעמענט וועט קיינמאָל נישט פאַרשווינדען פון דעם מענשליכען לעבען. איך בין שטאַרק מסופק, צי די צוקינפטיגע מענשען, וועלען, ווען דער טויט וועט אַוועקרייסען זייערע געליעבטע, זיך קאָנען טרייסטען מיט דעם געדאַנק פון דעם „אייביגען ווידער־קום“, וואָס זאָגט זיי צו, אַז זיי וועלען נאָך אומענדליכע מאָל ווידער

פרידריך ניטשע

געבוירענע ווערען און ווידער... דורכלעבען דעמזעלבען אומענדליכען צער. אויף אזא׳ן אופן איז ניטשע׳ס שטענדיגער קאמף אנטקעגען דעם סאציאליזם (אפילו דעם מאנארכיסטישען) א פראדוקט פון א מיספארשטענדניש, פון א פ א ר א ו ר ט י י ל, פון וועלכען אויך א ניטשע האט זיך ליידער נישט געקאנט באפרייען.

מיר האט זיך נאך געוואלט אפשטעלען אויף דער קריטיק פון יענער ניטשע׳ס קריטיק, מיט וועלכער ער באגיסט די רחמנות־גע־פיהלען און די רחמנות־מאראל. מיר דוכט, איך וואלט געקאנט אויפווייזען, אז אויך דא איז זיין לאנצעט פארגאנגען צו טיף און שניידט אוים געזונטען פלייש אין איינעם מיט דעם בראנדיגען. און אז געטאן האט ער דאס אונטער דעם איינפלוס פון א פאלשער לאגיק און א פאלשער פסיכאלאגיע. נאר דאס וואלט אונז שוין געמוזט אריינפיהרען אין די איינצעלהייטען פון זיין לעהרע, וועל־כע האבען ניט געקאנט אריינגענומען ווערען אין אונזער קליינער ארבייט.

לאמיר זיך באגנוגענען מיט די פאר קריטישע באמערקונגען וועגען זיין שטעלונג צו דעם סאציאליזם. ניטשע׳ס אנשויאונגען זענען דאך סיי ווי סיי ניט קיין ו ו י ס ע נ ש א פ ט, וועלכע מען דארף בודק זיין אויף שריט און טריט. זיי זענען פ י ל א־ ס א פ י ע, ד. ה. א פרייע אינדיווידועלע שאפונג, אן אייגענאר־טיגע פלאנץ, וועלכע קיינער איז ניט מחויב אריבערצופלאנצען אין זיין אייגענעם גארטען.

ניטשע׳ס לעהרען זענען אין מיינע אויגען א שעהנער, געזונ־טער פילאסאפישער בוים, וואס טראגט אסך שעהנע, געזונטע גע־ניסבארע פירות. מען טאר זיי אבער נישט געניסען רויערהייט. ווייל אין זיי שטעקט נאך א ביטערער סם, וואס דארף פריהער אויסגעקאכט ווערען. עס קאן זיין, אז ווען דער וואקסטום פון דעם בוים וואלט ניט אפגעשטעלט געווארען אינמיטען דורך דער טרא־געדיע פון זיין לעבען, — ניטשע האט פארלוירען זיין פארשטאנד אין דעם רעכטען מיטען גאלדיגען שאפען, — וואלט אויך אט דער

ביטערער סם מיט דער צייט פארשוואונדען געווארען פון זיינע פראָבטען. אבער איצטער שטעקט ער נאך אין זיי און אונזער קריטישע נאָטיץ האָט ניט געהאט קיין אנדער צוועק, ווי נאָר צו וואָרענען דעם לעזער זיינעם וועגען דעם און אנצואווייזען בקיצור, ווי אזוי ער דארף „אויסגעקאָכט“ ווערען.

* *
*

אָפּטמאָל, ווען איך פלעג טראכטען וועגען ניטשע׳ס לעהרען, פלעגט ארויפשווימען אויף מיין זכרון א קליינער עפּיזאָד פון דעם ספר יהושע, א משונה׳דיגער עפּיזאָד, וואָס האָט קיין ברעקעל שיכות ניט צו דעם פריהער און דעם שפּעטער פון דער דערצעהלונג.

אינמיטען קריג אנטקעגען די פיינד באווייזט זיך יהושע׳ן א מענש מיט א שארפען שווערד אין זיין האנט. פרעגט יהושע: „הלנו אתה או לצרינו?“ „ביסטו מיט אונז אדער מיט אונזערע געגנער?“ אבער דער מענש גיט ניט קיין דירעקטען ענטפער אויף דער שאלה, „לא, זאָגט ער, „כי עתה באתי“. ניין, איך בין אָט ערשט געקומען, — א מלאך פון גאָט. אבער דו טו אויס די שיך פון דיינע פיס, ווייל דער באָדען, אויף וועלכען דו שטעהסט איז הייליגער באָדען.“

איז ניטשע מיט אונז, אדער מיט אונזערע געגנער? — פרעגען מיר אָפט, ווען אויף אונזער וועג, אין דעם מיטען פון אונזער קאמף, וואקסט פּלוצלונג אויס די פיגור פון דעם דיכטער־פילאָסאָף מיט דעם שארפען שווערד פון קריטיק אין זיין האנט.

עס איז שווער צו געבען א קלאָרען ענטפער אויף דער שאלה. אבער איינס איז זיכער: מיט אונז, אדער מיט אונזערע געגנער, — דער באָדען, אויף וועלכען ער שטעהט איז **הייליגער באָדען**.

פרידריך ניטשע

ניטשע, דער ראדיקאלסטער „כופר בעיקר“, דער האסער פון יעדער מאראל און יעדער רעליגיע, איז אין תוך ניט נאר א טיף־מאראלישע נאטור, נאר אויך א טיף רעליגיעזע, וואס בענקט נאך הייליגקייט און שטרעבט צו איהר.

ווייל הייליג איז אלץ, וואס שטרעבט גובר צו זיין זיך אליין, און זיך אליין אוועקגעבען אינגאנצען פאר אן אידעאל, וואס איז פארבונדען מיט אייבינקייט און אומענדליכקייט. און זעלטען ווען א מענשליכע נשמה איז געווען אזוי אנגעטרונקען מיט בענקשאפט נאך „אומענדליך“ און „אייבינג“, ווי ניטשע׳ס.

דער באדען, אויף וועלכען ער שטעהט, — אלץ איינס, אי וואס פאר א ריכטונג ער באוועגט זיך אויף איהם, — איז הייליגער באדען.

און מיר „ווארפען אראפ די שיך פון די פיס,“ ווען מיר טרעטען אריין אין זיין טעמפעל.